קרית
ברסלב
בלעטל
שנה ה'
נומער 197
פרשת ויצא · תשפ"ד



א באריכט
פונעם הערליכן

# שבת תולדות אין שטעטל מיטן ראש ישיבה שליט"א

12



מלוה מלכה
מוצאי שבת תולדות

## מיט די קומענדיגע דיינים פון אונזער קהילה

נייע רובריק

## איבער אלץ און אלעמען

וויאזוי ארבעט אינפלאציע און
אינטרעסט ראטעס



10



וועלטליכע נייעס
שוואַרצע פרייטאג
4


שטעטל נייעס
נייע בית הוראה שטיבל געבויעט
6


אַלץ און אַלעמען
אינפלאַציע און אינטערעסט ראַטעס
10


מיט א טיפערן בליק
געענדיגט מיט היכל הקודש?!
18



ברסלב'ע שטוב
דאַרף איך גיין צו טערעפּי?
29


קינדער טאַלאַנטן
הערליכע אויפשטעלונגען פון די ברסלב'ע קינדער
36



# קרית ברסלב בלעטל

רעדאקציע:

**מרדכי אינדיג, אברהם משה שטראססער, משה ארי' שניטצלער, אברהם הערש וועבערמאן, ישראל דוד העסקעל, אברהם יצחק אייזנער, שמואל בער שניטצלער, מ. פאפנהיים, ר. ראטענבערג. ל. שיינער.**

צו באקומען די וועכנטליכע קרית ברסלב בלעטל אפגעשיקט צו אייער טיר רופט:
**718.387.2691**
subscribe@kerenhadfusa.org
לקבלת הקרית ברסלב בלעטל דרך הדואר בארץ ישראל התקשרו:
077-530-9648

צו באקומען די וועכנטליכע קרית ברסלב בלעטל אויף אימעיל שיקט א אימעיל צו
chizikyomi@rabbiroth.org

צו אדווערטייזן אדער ארייננצושיקן א מעסעדזש צו די רעדאקציע
בריוו אדער הגהות רופט: 845.379.1161
136-Huschke Rd Hurleyville NY 12747
breslevofficeliberty@gmail.com

**קול ברסלב: 212.444.9191**
**חיזוק פאר די אידישע שטוב: 212.444.9169**


## זמנים Liberty
ויצא י״ב כסלו תשפ״ד

הדלקת הנרות........... 04:13
מוצאי שבת............ 05:43

מנחה מעריב וישלו .... 05:25

## וועטער

| | | | |
|---|---|---|---|
| Fri 24 | 43°/31° | PM Showers |
| Sat 25 | 40°/25° | Rain/Snow Showers |
| Sun 26 | 37°/24° | Partly Cloudy |
| Mon 27 | 38°/24° | Partly Cloudy |
| Tue 28 | 35°/22° | Partly Cloudy |
| Wed 29 | 37°/24° | Partly Cloudy |
| Thu 30 | 36°/21° | AM Snow Showers |
| Fri 01 | 34°/20° | Partly Cloudy |

געדענקט וואס דער הייליגער רבי זאגט
**די וועטער מבינים ווייסן נישט אל"ץ ריכטיג די וועטער וואס גייט זיין**
שיחות הר"ן רכ"א

## מזל טוב!

מיט גרויס פרייד טוען מיר וואונטשן א הערצליכן מזל טוב

**מו"ה שמואל דוד ברוין הי"ו**
**וזוגתו פריידל תחי'**
**צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב**

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן זען אסאך נחת פון דעם קינד און אלע קינדער געזונטערהייט

# IN AN ACCIDENT?

**CALL THE EXPERT**



mint COLLISION

Accidents can happen,
Our professional & caring staff will handle the entire process.

- 24-Hour Towing
- Full Car Repair
- Rental Replacement
- Trusted by all major insurance companies



For Upstate Customers;
We pickup & deliver all year round.

אייער פריינט ארי׳ לייב פעקעטע

347-742-7778

mintcollision@gmail.com

# וועלטליכע נייעס

גרשון קרעמער




## געשעפטסלייט קוקן ארויס אויף א סוקסעספולע בלעק פריידעי

דער ״שווארצער פרייטאג״ איז א טאג וואס ווערט באצייכענט אין די וועלט דער טאג נאכן ״טענקסגיווינג״ (אגב, דער נאמען טענקסגיווינג מיינט ״זאגן א ישר כח פארן אויבערשטן״) חגא און ווערט אויסגענוצט דורך געשעפטן און פירמעס ארויסצולייגן אומגלויבליכע דיעלס, וואס ציעט צו מיליאנען מענטשן צו עפענען זייערע בערזלעך און איינקויפן מכל הבא ליד. דער איינפיר האט ווי יעדע זאך אויף דער וועלט מעלות און חסרונות, מיר וועלן דא אין דעם באריכט כאפן א שטיקל שפאציר אין דעם פענאמענעם וואס הייסט ״בלעק פריידעי״ און וואס מיר קענען ארויסנעמען דערפון למעשה בגשמיות און ברוחניות.

אין די לעצטע יארן זינט ״אנליין שאפינג״ איז געווארן א פאפולערע אפציע, אזש אז מער מענטשן קויפן היינט צו טאגס איין זייערע געברויכן אין ווירטואלע געשעפטן ווי אין די ציגלנע סטארס, האט די מארקעט צוגעלייגט א טאג וואס מען רופט ״סייבער מאנדעי״ וואס אין די מאנטאג נאכן שווארצן פרייטאג לייגט מען ארויס בליטשקעדיגע און ציענדע ספעשלס אנליין וואס זאל כאפן די אנליין שאפערס אינעם שפענדינג משוגעת, און אזוי ארום זיך אנפילן די טאשן.

עס איז וואר אז אין די טעג קען מען אריינכאפן אומלאגישע מציאות וואס מען טרעפט נישט א גאנץ יאר, אבער פון די אנדערע זייט פאלן מיליאנען אריין אין די נעץ פון ווערן אנגערייצט צו קויפן זאכן וואס זיי דארפן נישט און אויסגעבן מער געלט פון וויפיל זיי קענען זיך ערלויבן. און אפילו די וואס גרייטן זיך שוין צו די ספעשלס א גאנץ יאר ווען זיי שרייבן אראפ יעדע זאך וואס זיי דארפן טאקע קויפן מיט די פרייז פון א גאנץ אוןווארטן פשוט אויס אויף בלעק פריידעי צו זען צי זיי באקומען טאקע עפעס א מציאה, טרעפן זיך אפטמאל שטיין אין לאנגע ליניעס און ווערן פארכאפט אין געפאקטע געשעפטן אויף לאנגע שעות.

עס זענען שוין באריכטעט געווארן עטליכע פעלער אין אמעריקע ווי מענטשן זענען געשעדיגט געווארן פון געשלעגן פון קאנסומערס וואס האבן זיך געשלאגן איבער שפילצייג וואס יעדער האט געוואלט כאפן, און עס האט שוין אפילו פאסירט א טויטפאל ווען אן ארבייטער אין א וואלט מארט געשעפט אין לאנג איילאנד האט געעפענט דאס געשעפט אין יאר 2008 און די ריזיגע מאסן וואס האבן געווארט ביים טיר אריינצוגיין האבן אים פשוט צודריקט צום טויט ר״ל אונטער די טיר.

כאטש די געשעפטן שטייען אוןווארטן אויף די טעג, און זיי באריכטן אז א גאר גרויסער טייל פון זייערע פארדינסטן קומען אריין פון די טעג, איז אבער כדאי אז אן אחריות׳דיגער מענטש זאל אוועקשטיין פון די אלע געשעפטן. די וועלט זאגט אז ״ווען מען קויפט א זאך פאר 50% הנחה האט מען זיך געשפארט פופציג פראצענט, אבער ווען מען קויפט עס בכלל נישט, שפארט מען זיך הונדערט פראצענט...״, אבער לכל הפחות איז זייער כדאי אז בעפאר מען גייט צו כאפן מציאות זאל מען זיך אפשרייבן וואס מען דארף טאקע, און אזוי אויך זאל מען האבן א חשבון וויפיל געלט מען קען זיך ערלויבן צו שפענדן, און בשום אופן נישט נעמען

פשוט וואס מען זעט אויפן שעלף, ווייל פון אזא זאך דארף מען נאכדעם טייער באצאלן.

ברוחניות טרעפן מיר אויך טעג וואס דאן איז דא ספעציעלע דילס און הנחות, צום ביישפיל ווען מען קוקט אביסל אריין אין די ספרים פונעם הייליגן רבין און זיינע תלמידים קען מען זען די גרויסקייט פון די הייליגע חנוכה טעג הממשמשים ובאים. עס איז כדאי אריינצוקוקן אין די בריוו פון מוהרא״ש זי״ע ווי ער שרייבט וויפיל מען קען פועלן ביי די לעכט. דאס איז קלאר אז דער אויבערשטער איז מיט אונז, נעבן אונז אלעמאל און איבעראל, אבער פארט איז דא א בחינה פון א סעיל, א ספעשל, ווען כביכול דער אויבערשטער קומט אראפ צו אונז למטה מעשרה טפחים און מען קען זיך אויסבעטן הייליגע אויגן, א ריינע מח, א פרישע נשמה און אלעס וואס מיר דארפן ביי די הייליגע חנוכה לעכט.

און פונקט ווי ביי להבדיל די בלעק פריידעי, איז כדי זיך אנצוגרייטן און טראכטן פאראויס וואס מען קען אריינכאפן, איז אויך ביי חנוכה כדי צו מאכן א הכנה צו די גרויסע טעג דורך לערנען חסידישע ספרים בפרט ספרי רבינו און זיינע תלמידים וואס אזוי וועלן מיר קענען אויסנוצן די הייליגע טעג צום מאקסימום בענעפיט פאר אונז ברוחניות ובגשמיות.

**תורה איז די בעסטע סחורה!**




# פלאג פון גניבות אין אמעריקאנער סופערמארקעטס

אין אמעריקע פלאגט מען זיך זייער שטארק מיט א מגיפה פון גניבות אין די גרויסע געשעפטן, א פלאגענישט מיט וואס די רעגירונג קען נישט (אדער וויל נישט) זיך אן עצה געבן.

עטליכע גרויסע סופערמארקעטס - צווישן זיי וואלמארט, טארגעט און נאך - האבן זיך שוין פארמאכט צוליב די נאכאנאנדע שאדענס וואס זיי האבן געהאט, און אנדערע האבן געמאלדן פלענער צו פארמאכן זייערע געשעפטן אין עטליכע גרויסע שטעט צוליב דעם פראבלעם. דאס פלאגט כמעט אלע גרויסע שטעט אין אמעריקע, אבער בעיקר שטייען ארויס די שטעט פון ניו יארק, שיקאגא, און לאס אנדשעלעס. די צרה איז אז די געצעץ אינפארסירער אין די גרויסע שטעט ווערן שטארק געשטערט דורך די פירער פון די שטעט וואס אנשטאט זיי העלפן אראפ רוימען די צרה לייט פון די גאסן, ווערן די געזעצן כסדר פארלייכטערט פאר זיי, און די רויבער ווערן אריינגעפירט אין פאליציי סטאנציע פון איין טיר, און עטליכע מינוט שפעטער ווערן זיי ארויסגעלאזט פון די אנדערע טיר.

לויט אן אויספרעג האבן איבער צוויי דריטל ריטעיל געשעפטן געהעכערט זייער מינימום גניבה ריפארטן שטאפל אין די לעצטע יאר, צוליב די גרויסע צאל גניבות, און איבער פופציג פראצענט זאגן אז די צאל גניבות האבן זיך פארמערט, מיט בערך א פערטל (!) וואס זאגן אז די גניבות זענען א טעגליכע ערשיינונג, און פינף און נייציג פראצענט זאגן אז זיי זענען געווען קרבנות פון ארגאניזירטע פארברעכן באנדעס אין די פארגאנגענעם יאר.

די סיבות פארוואס דאס פאסירט זענען אסאך, אבער די עיקר סיבות פארוואס עס ווערט נאר ערגער ווערט שטארק צוגעשריבן צו די פארמערטע פראבלעמען אין מענטעלע העלט און דראג עדיקשאנס, א זאך וואס פלאגט די אלגעמיינע גאס מיט יעדן טאג מער און מער צוליב די לינקע קאלטע ווינטן וואס בלאזן אין אמעריקע מער און מער, בשעת אמאל האט מען אין אמעריקע רעספעקטירט רעליגיע, מען האט געשעצט א משפחה לעבן, איז היינט א וועלט וואס מען קען יעדעם טאלערירן, די גרעסטע מושחתים, די גרעסטע רוצחים, ווערן ארויפגעקוקט ווי העלדן, און מה יעשה הבן? די קינדער וואקסן אויף צומישט און צוחישט, מען ווייסט נישט צי א מענטש איז א חיה, אדער א חי׳ איז א מענטש. דאס איז וואס די פאבליק סקול סיסטעם אין אמעריקע געבט ארויס. דאס זענען די פירות.

אין די זעלבע צייט זענען דא עלעמענטן וואס קענען קומען צו די חרד׳ישע מוסדות אין פארלאנגען ״סובסטענשל איקווילענסי״, מען זאל מאכן די מוסדות ענדליך צו די פאבליק סקולס. אין די מוסדות התורה קען זיך מאכן אז עס זאל זיין פאליציי ביי די טירן, אבער פארוואס? ווייל צומאל שפירן די שטאטישע טאטעס אז צוליב אן אגעצויגענקייט א טעראר שרעק ווילן זיי לייגן שמירה על כל צרה שלא תבא. ביי די פאבליק שולעס, זענען אייביג דא פאליציי, ביי יעדע אריינגאנג און ביי יעדע ווינקל. פארוואס? ווייל קינדער קומען מיט געווער אין שולע, מען דארף היטן קינדער פון ווערן געבוליט דורך אנדערע. דאס ווילן זיי מאכן פון אונזערע קינדער?

ברוך הוא אלוקינו שבראנו לכבודו, מיר האבן אן אויסגעטרעטענע וועג וואס מיר האבן מקבל געווען פון די פריערדיגע צדיקים וואס האבן מקבל געווען פון זייערע רבי׳ס דור אחר דור ביז משה רבינו, וואס דאס איז וואס מיר וועלן ווייטער טון, און אזוי וועלן מיר ווייטער לערנען אונזערע קינדער.

# שטעטל נייעס

## נייע בית הוראה שטיבל געבויעט אין שטעטל



אין די טעג האט מען צוגעבויעט א "בית הוראה" אין שטוב פונעם דיין הרה"ג ר' יונה זינגער שליט"א, ווי שואלים וועלן קענען אריבערקומען פרעגן שאלות. ביז יעצט פלעגט מען דארפן ווארטן אויפן גאס ווען מען האט געהאט א שאלה, און דערנאך האט דער דיין נאר געקענט אויפנעמען אין זיין דיינינג רום, א זאך וואס קען מאכן א שואל אומבאקוועם, דערפאר איז א גוטע בשורה אז מען האט נארוואס צוגעבויעט א פראקטישע בית הוראה, מיט אן אריינגאנג פון די גאס.

די שטעטל איינוואוינער האבן זוכה געווען אז דער דיין שליט"א באשיינט דער שטאט, און געבט זיך אוועק פיר און צוואנציג שעה אין מעת לעת סיי ווען מען דארף עפעס פרעגן. א גאנצן טאג זיצט ער אין היכל הבית המדרש, ווי ער דינט ווי דער ראש הכולל, און אלע ווייסן די אדרעס צו קענען קומען פרעגן אויב עס מאכט זיך א שאלה, אזוי אויך אין די אנדערע שעות, זיצט דער גרויסער גאון דער דיין שליט"א אסאך שעות אין זיין בית הוראה ווי ער לערנט און נעמט אויף די שואלים. דער דיין שליט"א נעמט אלעמען אויף בסבר פנים יפות, און ענטפערט בטוב טעם ודעת, דער דיין איז באקאנט אז אויסער זיין גרויסע גאונות בתורה, ווי ער אויסגעקאכט אין יעדע אזוי גערופענע "פארשטופטע הלכה", האט ער געלערנט פלייסיג אויך דער "פינפטער חלק שולחן ערוך", און דער דיין פארשטייט פון דעם שואל די שאלה "צווישן די שורות", און דער דיין שליט"א האט שוין געהאט די זכי' ארויסצוהעלפן און שטעלן אויף די פיס פילע אידישע שטובער.

**אין לו להקב"ה אלא ד' אמות של הלכה**

## אינדארסירטע קאנדידאטן געווינען ברוך השם




ווי אין גאנץ אמעריקע איז אויך אין ליבערטי געווען נאוועמבער וואלן, אין א שמועס מיט מו"ה מנחם שטיינבערג הי"ו אויף קול ברסלב, פארציילט ער אז ברוך השם מען זעט אז אלע אנשי שלומינו תושבי קרית ברסלב זענען ארויס שטימען אויף די בקשה פון די הנהלה און די ראש ישיבה, און ברוך השם אלע קאנדידאטן פאר וועם די הנהלה האט געבעטן האבן געווינען זייערע אמטן.

סך הכל איז געווען אין ליבערטי בערך ניין הונדערט שטימען, פון וואס די שטעטל האט צוגעשטעלט בערך פינף הונדערט. עס איז געווען איינער וואס האט געוואלט לויפן פארן סופערוויזער אמט, און געקומען צו די הנהלה פרעגן אויב ער לויפט צי מען וועט אים שטיצן, און ווען ער האט געהערט אז נישט, האט ער געזאגט דאן האט ער נישט קיין שאנס, און ער איז נישט געלאפן.

אויך האט מען געשטימט פאר פארשידענע אמטן אין די קאונטי, וואס מען נוצט כסדר זייערע סערוויסעס, ווי צום ביישפיל די "די-עם-ווי", דער מאטאר וויהיקל דעפארטמענט. אזוי אויך די פארשידענע סאושעל סערוויסעס ווי "פוד סטעמפס", "מעדיקעיד", "היעפ".

ביי דער געלעגנהייט האט ר' מנחם געבעטן אז איידער מען אפלייעט פאר הילף פון די רעגירונג איז אלץ כדאי מען זאל זיך דורכרעדן מיט חבר הנהלה מו"ה מרדכי אהרן הי"ו, ווייל די קאונטי איז זייער שטרענג אויב מען טוט עפעס אומגעזעצליך, און אויב מען פילט אויס אן אפליקעישאן נישט ריכטיג, קען עס זיין זייער שווער.

## היכל הקודש
# נייעס

**קרית יואל**

### פרישע בענקלעך אנגעקומען צום בית המדרש היכל הקודש קרית יואל



איבראל ווי דער אייבערשטער באשערט אז איינע אדער עטליכע פון אנשי שלומינו זאלן זיך באזעצן, נעמט נישט קיין לאנגע צייט, און אנשי שלומינו טון מקיים זיין דעם רצון פון מוהרא"ש זי"ע וואס האט געשריבן אין די לעצטע טאג וואס ער האט זיך געפונען אויף דעם עולם "איך וויל אז יעדער פון אנשי שלומינו זאלן עפענען א שול היכל הקודש אין זיין שטאט, אין זיין געגענט".

אנשי שלומינו זוכן צו קומען דאווענען אין א שול ווי מען רעדט נאר הייליגע דיבורים, מען חזרט כסדר אמונה, מען קען רעדן אפן פונעם אייבערשטן. עס נעמט נישט לאנג, און עס ווערן מקורב נאך און נאך אידן צום אייבערשטן. אידן לעכצן נאך א גוט ווארט, מען וויל הערן אז דער אייבישטער וויל דיך יא, דו האסט נאך א האפענונג.

אין קרית יואל גייט שוין דער בית המדרש אויף העיס קט. כמעט צוואנציג יאר. אנפאנג פון יאר תשס"ג האבן זיך אנשי שלומינו אין קרית יואל זיך צוזאם גענומען, הרה"ח ר' אברהם חיים פארקאש שליט"א האט אראפגעגעבן א גרויסע חלק פון זיין הויז און עס מקדיש געווען פאר א בית המדרש. מען האט עס דעמאלסט שיין איבערגעבויט, עס זאל זיין פאסיג פאר א בית המדרש. מען האט איינגעקויפט אלע צרכי בית המדרש, אן ארון הקודש, באלעמער, עמוד, ספרים שענק, ספרים, און אזוי אויך האט מען ארויסגעשטעלט אין גאס א שיינע גרויסע סיין "בית המדרש היכל הקודש דחסידי ברסלב, בנשיאות כ"ק מרן מוהרא"ש", וואס איז אין זיינער צייט געווען דער איינציגסטער בית המדרש אינדרויסן פון יבנאל וואס האט געטראגן דעם נאמען "היכל הקודש" און "מוהרא"ש" מיט שטאלץ.

אין די אלע יארן איז שוין ארויס פון דעם בית המדרש, אן א מאס און אן א שיעור תורה, תפלה, אמונה, שלום בית, חינוך, און אזוי ווייטער, און אזוי גייט עס נאך ווייטער אן, ווען יעדע וואך קומען ארויף פילע אנשי שלומינו און שכנים און זענען זיך מחיה מיט די הייליגע דיבורים וואס ווערן געזאגט דורכן גבאי פונעם בית המדרש הר"ר יואל פארקאש שליט"א וואס איז דולה ומשקה מתורתו פון הייליגן רבין און זיינע הייליגע תלמדים ווי איבערגעבן דורך מוהרא"ש זי"ע, און געבט אריין חיות און אלע באטייליגטע.

נאך אזויפיל יאר וואס דער בית המדרש איז אין באנוץ האט זיך שוין אנגעזען אויף דעם בית המדרש, אויף די ווענט פלאר און מעבל פון בית המדרש אן אפגענוצטקייט, און עטליכע עסקנים פון בית המדרש האבן זיך אריינגעלייגט עס גענציך איבער צו פרישן, מען האט פארגרעסערט דעם בית המדרש, צוגעלייגט בית הכסא'ס, איבערגעפרישט די ווענט, און פלאר, אויך האט מען ארויפגעלייגט א פרישע סיין אינדרויסן נאכדעם וואס וואס די אריגינעלע סיין איז אראפ געפאלן ביי א גרויסע שטורעם. מען האט איינגעקויפט פרישע טישן און בענקלעך. אנשי שלומינו זענען דאנקבאר פאר מו"ה קלמן אליעזר מזרחי הי"ו און פאר מו"ה נתנאל פארקאש שליט"א וואס האבן זיך אריינגעלייגט מיט די גאנצע הארץ און נשמה צו העלפן מיט דעם פראיעקט, און ווי זיי זאגן האבן זיך אנשי שלומינו זייער ווארעם אנגערופן און דער אויבערשטער האט געהאלפן אז מען האט געקענט דורכפירן דעם פראיעקט.

די וואך איז ערגענצט געווארן דער לעצטער שטאפל פונעם איבערפרישונג ווען דער שיפמענט פון די נייע בענקלעך איז אנגעקומען און איז אריין אין באנוץ, כאטש וואס עס האט שוין געדארפט אנקומען לויט די פירמע פון כינע מיט כמעט א יאר צוריק האבן זיי עס ברוך השם דעליווערט נאך אסאך תפילות דעם פארגאנגעם וואך - געלויבט דעם אויבערשטן.

**ועשי לי מקדש ושכנתי בתוכם!**



# מעשיות פון תפילה

## נחמן נתן בוים - קרית ברסלב:

איך ארבעט אין קרן הדפסה קרית ברסלב. איינע פון די סטעיפלער מאשינען האט זיך צובראכן און מען ווארט נאך עס זאל ווערן געפיקסט, איז ביזדערווייל נוץ איך די אנדערע מאשין אבער די מאשין האט אויך אנגעהויבן צו מאכן פראבלעמען איך האב גערעדט צום מעקעניק אויפן טעלעפאן אבער עס האט גארנישט געהאלפן, איך האב געזען איך האב נאר איין וועג נאר תפילה, איך האב געבעטן דעם אייבערשטן עס זאל ווערן פארראכטן כדי מען זאל ווייטער קענען דרוקן די הייליגע ספרים און קונטרסים.

איך האב גערופן נאך איינעם וואס קען אפשר העלפן דערמיט, ער האט מיר געזאגט איך זאל עפעס פרובירן צו טון און דאס וועט אפשר העלפן, איך האב דאס פרובירט צו טון און שכח אייבערשטער עס האט געהאלפן און די מאשין האט צוריק אנגעהויבן ארבעטן פיין.

## יעקב בלוך - בני ברק:

דא אין ארץ ישראל איז שווערער צו באקומען לייסענס צו דרייוון, ובפרט צו באקומען לייסענס צו דרייוון א באס איז אסאך שווערער.

איך האב א לאנגע צייט געבעטן דעם אייבערשטן איך זאל קענען באקומען לייסענס צו פירן א באס. איך האב גע'חזר'ט א לאנגע צייט די הלכות פון פירן א באס און זיך געגרייט צו מאכן די טעסט.

למעשה איז דא צוויי סארט באסעס, א נידעריגע און א הויכע, בעיקר האב איך געדארפט לייסענס צו פירן די נידעריגע, אבער די טעסט דארף מען גיין אדורכגיין מיט א הויכע באס, וואס דאס איז פאר מיר געווען שווער צו באוויזן.

איך האב געבעטן דעם אייבערשטן איך זאל קענען אדורכגיין דעם טעסט אן קיין פראבלעמען.

ווען עס איז געקומען די צייט צו מאכן דעם טעסט זענען מיר נאך איבערגעגאנגען די לעצטע דעטאלן צו זיין גרייט פארן טעסט און דער מענטש וואס האט געלערנט מיט אונז רופט זיך אן צו אונז אז מען גייט מאכן דעם טעסט אויף די נידעריגע באס ווייל די הויכע באס איז געווען יעצט פארמישט אין א עקסידענט במילא איז עס נישט אין באניץ.

שכח אייבערשטער אז די טעסט איז אדורך פיין אן קיין פראבלעמען.

## אלחנן זויבערמאן - צפת:

פארגאנגענעם יום טוב סוכות האב איך געדארפט די פופצן בלעטלעך אין קאליר לכבוד יום טוב, די פראבלעם איז געווען אז מען האלט צוויי טעג פאר יום טוב און מען דריקט עס אין ירושלים, וויאזוי גייט עס אנקומען אהער קיין צפת? נישט קיין פראבלעם מען גייט בעטן דעם אייבערשטן.

הייליגער באשעפער העלף מען זאל עס נאך יעצט קענען דרוקן און דערנאך זאל נאך זיין א וועג עס זאל אנקומען פון ירושלים קיין צפת.

איך האב גערופן איינעם אין ירושלים אויב ער קען זיך אפגעבן מיטן דרוקן, שכח אייבערשטער ער איז געווען ווילינג דאס צו טון פאר מיר, ווען עס איז געווען גרייט האב איך נאכאמאל געבעטן דעם אייבערשטן איך זאל טרעפן א וועג.

אביסל שפעטער האב איך גערעדט אויפן טעלעפאן צו א איד פון צפת און אזוי שמועסנדיג זאגט ער מיר אז זיין איידעם פון ירושלים קומט ארויס צו אים אויף יום טוב, און איך געב מיר א כאפ איין מינוט דאס קען זיין גוט פאר מיר, ער קען אפשר זיין מיין שליח.

נאכן ענדיגן רעדן מיט דעם איד האב איך גערופן יענעם אינגערמאן אויב ער קען מיט טון דעם טובה און ברענגען דעם פעקל, שכח אייבערשטער אז ער האט מסכים געווען הארץ און גערן דאס צו טון.

# א בריוו

## פונעם ראש ישיבה שליט"א

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - יוֹם א' פָּרָשַׁת וַיֵּצֵא, רֹאשׁ חוֹדֶשׁ כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

וואוּיל אִיז דִיר אוּן וואוּיל אִיז דַיין חֵלֶק אַז דוּ הָאסְט אַרַיין גֶענוּמֶען דַיין פָּאטֶער צוּ דִיר אִין שְׁטוּבּ, מֶען קֶען זִיךְ גָארְנִישְׁט פָּארְשְׁטֶעלְן ווִי גְרוֹיס אִיז דִי מִצְוָה פוּן כִּיבּוּד אָב וָאֵם; חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (קִידּוּשִׁין ל:): **"שְׁלֹשָׁה שֻׁתָּפִין הֵן בָּאָדָם, הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא, אָבִיו, וְאִמּוֹ, בִּזְמַן שֶׁאָדָם מְכַבֵּד אֶת אָבִיו וְאֶת אִמּוֹ, אָמַר הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מַעֲלֶה אֲנִי עֲלֵיהֶם כְּאִילוּ דַּרְתִּי בֵּינֵיהֶם וְכִבְּדוּנִי"**, דְרַיי שֻׁתָּפִים אִיז דָא אִינֶעם מֶענְטְשׁ - דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, טַאטֶע אוּן מַאמֶע; וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז מְכַבֵּד זַיינֶע עֶלְטֶערְן, זָאגְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער: "אִיךְ קוּם וואוֹינֶען צְווִישְׁן אַייךְ, אוּן אִיךְ רֶעכְן דָאס אַזוֹי ווִי אִיר זֶענְט מִיר מְכַבֵּד".

דֶערְפַאר זָאלְסְטוּ זִיךְ פְרֵייעֶן אַז דוּ קֶענְסְט מְקַיֵים זַיין אַזַא גְרוֹיסֶע מִצְוָה צוּ הֶעלְפְן דַיין טַאטֶע, בִּפְרַט וֶוען עֶר אִיז גֶעבְּלִיבְן אֵיינֶער אַלֵיין הַשֵּׁם יְרַחֵם. אִין דֶעם זְכוּת וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְן, אַז דוּ וֶועסְט זוֹכֶה זַיין צוּ זֶען נַחַת בַּיי דַיינֶע קִינְדֶער, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט רוּעֶן בַּיי אַייךְ אִין שְׁטוּבּ, אוּן וֶוען עֶס אִיז דָא הַשְׁרָאַת הַשְּׁכִינָה וֶוערְט לִיכְטִיג אִין שְׁטוּבּ.

דָאס וָואס דַיין וַוייבּ הָאט בַּיים אָנְהֵייבּ זִיךְ גֶעפְרֵיידְט אוּן יֶעצְט אִיז זִי בְּרוֹגֶז וְכוּ'; ווִיסְן זָאלְסְטוּ אַז אַ פְרוֹי דַארְף גָארְנִישְׁט, אַ פְרוֹי ווִיל גָארְנִישְׁט; **אַ פְרוֹי ווִייל אֵיין זַאךְ - אַ מַאן**, אוֹיבּ הָאט זִי אַ מַאן, דָאס הֵייסְט דֶער מַאן הֶעלְפְט אִיר, דֶער מַאן גֶעבְּט אִיר גוּטֶע וֶוערְטֶער, דֶער מַאן הֶערְט אִיר אוֹיס, דֶער מַאן הָאט מִיטְלַייד מִיט אִיר, זִי שְׁפִּירְט ווִי זִי הָאט אֵיינֶעם וָואס זָארְגְט פַאר אִיר, דֶעמָאלְט דַארְף זִי שׁוֹין גָארְנִישְׁט, זִי אִיז גְלִיקְלִיךְ אוּן צוּפְרִידְן, זִי וֶועט זִיךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט אָפְּרֶעדְן. אוֹיבּ הָאט זִי נִישְׁט קַיין מַאן, דָאס הֵייסְט, זִי הָאט אַ מַאן אָבֶּער דֶער מַאן דַארְף אִיר נִישְׁט, דֶער מַאן דַארְף אִיר נָאר אוֹיף אַזוֹיפִיל אַז זַיינֶע חֲבֵרִים זָאלְן אִים נִישְׁט טְשֶׁעפֶּען אַז עֶר אִיז אַ גָרוּשׁ, אָבֶּער חוּץ מִזֶּה הָאט עֶר נִישְׁט מִיט אִיר קַיין שׁוּם עֵסֶק, דַאן וֶועט זִי בְּרוֹגֶז וֶוערְן אוֹיף אִים יֶעדְן טָאג אוֹיף אַ צְווֵייטֶע זַאךְ.

עֶס אִיז דָא אַ מַעֲשֶׂה וָואס דִי וֶועלְט פַארְצֵיילְט, עֶס אִיז גֶעקוּמֶען אַן אִישׁ מְכוּבָּד אַ גַאסְט אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ, עֶס אִיז גֶעוֶוען שַׁבָּת רֹאשׁ חוֹדֶשׁ, דֶער גַאסְט אִיז גֶעוֶוען אַ שֵׁיינֶער בַּעַל תְּפִלָּה, עֶר הָאט גֶעוַוארְט מֶען זָאל אִים מְכַבֵּד זַיין מִיט 'קַבָּלַת שַׁבָּת', לְמַעֲשֶׂה הָאט מֶען צוּגֶעשִׁיקְט אַ צְווֵייטְן. אִים הָאט דָאס בִּכְלַל נִישְׁט גֶעשְׁמֶעקְט, עֶר הָאט גֶעטְרַאכְט צוּ זִיךְ **'מִן הַסְּתָם ווִילְן זֵיי מִיר צוּשִׁיקְן צוּ שַׁחֲרִית'**, עֶר הָאט זִיךְ גֶעטְרֵייסְט מִיט דֶעם, אַז עֶר גֵייט מָארְגְן אַרָאפְּלֵייגְן אַ שֵׁיינֶעם מִמְּקוֹמְךָ אוּן אַ שֵׁיינֶעם הַלֵּל, לְמַעֲשֶׂה הָאט מֶען אִים נִישְׁט צוּגֶעשִׁיקְט צוּ שַׁחֲרִית, קַיין עֲלִיָּה הָאט עֶר אוֹיךְ נִישְׁט בַּאקוּמֶען, אָבֶּער עֶר הָאט גֶעטְרַאכְט **'זִיכֶער וֶועט מֶען מִיר צוּשִׁיקְן צוּ מוּסָף'**, וֶוען עֶר הָאט גֶעזֶען אַז בַּיי מוּסָף הָאט מֶען אוֹיךְ צוּגֶעשִׁיקְט אַ צְווֵייטְן הָאט עֶר גֶעפְּלַאצְט! עֶס קוּמְט הוֹיכֶע שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה, דֶער שְׁלִיחַ צִיבּוּר הָאט בְּטָעוּת אָנְגֶעהוֹיבְּן 'תִּכַּנְתָּ שַׁבָּת' אַנְשְׁטָאט 'אַתָּה יָצַרְתָּ', דֶער גַאסְט הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן שְׁרֵייעֶן: **"נָא! נוּ! אַתָּה יָצַרְתָּ!"** אוֹיפְן וֶועג אַהֵיים טְרַאכְט עֶר צוּ זִיךְ **'הַלְוַאי וֶוען אִיךְ קֶען וֶוען זָאגְן וָואס לִיגְט אוּנְטֶער דָאס שְׁרֵייעֶן "נוּ! נָא! אַתָּה יָצַרְתָּ"**.

וֶוען אַ פְרוֹי בַּאקוּמְט נִישְׁט פוּן אִיר מַאן קַיין אָנֶערְקֶענוּנְג, דֶער מַאן רֶעכְנְט זִיךְ נִישְׁט מִיט אִיר, עֶר רֶעדְט נִישְׁט שֵׁיין צוּ אִיר, וֶוען דִי פְרוֹי שְׁרֵייט: "נוּ! נָא!" דֶעמָאלְט ווֵייסְט מֶען גְלַייךְ אַז עֶפֶּעס לִיגְט אוּנְטֶער דֶעם "נוּ!" עֶפֶּעס לִיגְט אוּנְטֶער דֶעם "נָא!"

דֶערְפַאר בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר, דוּ זָאלְסְט אַכְטוּנְג גֶעבְּן צוּ מְכַבֵּד זַיין דַיין וַוייבּ; חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (סוֹטָה יז.): **"אִישׁ וְאִשָּׁה - זָכוּ שְׁכִינָה בֵּינֵיהֶן"**, וֶוען מֶען לֶעבְּט בְּשָׁלוֹם דֶעמָאלְט אִיז מֶען זוֹכֶה אַז דִי שְׁכִינָה אִיז אִין שְׁטוּבּ, וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטְנְס נָאמֶען אִיז שָׁלוֹם (שַׁבָּת י.).

זֶע צוּ בַּאנֵייעֶן דַיין צוּגַאנְג אִין שְׁטוּבּ; פוּן אֵיין זַייט זָאלְסְטוּ ווַייטֶער מְכַבֵּד זַיין דַיין טַאטֶע אוּן אִים הַאלְטְן אִין שְׁטוּבּ, דָאס וֶועט דִיר בְּרֶענְגֶען יְשׁוּעוֹת. אוֹיךְ אִיז זֵייעֶר ווִיכְטִיג פַאר חִינוּךְ אַז דִי קִינְדֶער וַואקְסְן אוֹיף מִיט אַ זֵיידֶע, דִי גַאנְצֶע שְׁטוּבּ דְרֵייְדְט זִיךְ אַרוּם דֶעם זֵיידְן, מֶען הֶעלְפְט אִים, מֶען טְרָאגְט אִים, מֶען לֶערְנְט מִיט אִים. פוּן דֶער אַנְדֶערֶער זַייט זָאלְסְטוּ זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף דַיין וַוייבּ אִיר צוּ גֶעבְּן גוּטֶע וֶוערְטֶער אוּן לִיבְּשַׁאפְט, וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ נַחַת פוּן דַיינֶע קִינְדֶער.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

# א שיחה

## פון דער ראש ישיבה שליט"א



# צַעֲר גִידוּל בָּנִים

**אִין אַ שְׁמוּעֶס וֶועגְן צַעֲר גִידוּל בָּנִים, הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה גֶעזָאגְט:** דער הייליגער באר מים חיים זכותו יגן עלינו האט געהאט א זון וואס איז אראפ פון אידישע וועג רחמנא לצלן, מיט דעם אלעם פלעגט דער הייליגער באר מים חיים אים געבן עסן, קליידער און אים געהאלטן אין שטוב. יעדן אינדערפרי ווען דער הייליגער באר מים חיים זכותו יגן עלינו איז אויפגעשטאנען, האט ער געזאגט פארן באשעפער: "**רבונו של עולם, קוק וואס איך טו מיט מיין זון, אפילו ער פירט זיך נישט אויף אזוי ווי עס דארף צו זיין, דאך געב איך אים עסן און אלע זיינע הצטרכות'ער. איך בין נאר א בשר ודם, איז דאך זיכער אז דו רבונו של עולם, וואס דו ביסט דער אב הרחמן, טוב ומיטב, ורב חסד, זאלסטו זיכער העלפן אידישע קינדער מיט אלעס וואס זיי דארפן, אפילו זיי פירן זיך נישט אויף אזוי ווי עס דארף צו זיין**".

מיט דעם טייטשט דער הייליגער רבי מאיר'ל מפרימישלאן זכותו יגן עלינו (דברי מאיר, פרשת תולדות) דעם פסוק (בראשית כה, כח): "**וַיֶּאֱהַב יִצְחָק אֶת עֵשָׂו כִּי צַיִד בְּפִיו**"; ווי קען מען זאגן אויף יצחק אבינו אז ער האט ליב געהאט עשו הרשע? זאגט ער, אז יצחק אבינו האט דאס געטון, נאר "**כִּי צַיִד בְּפִיו**", ער זאל קענען מיט דעם מנצח זיין דעם אייבערשטן, ער האט געזאגט: "**רבונו של עולם, קוק ווי איך געב פאר עשו וואס ער דארף, איך האב אים ליב אפילו ער גייט נישט בדרך הישר, זאלסטו אודאי העלפן אידן מיט וואס זיי דארפן, אפילו זיי פירן זיך נישט אויף ווי עס דארף צו זיין**", עיין שם. זעט מען ווי אזוי צדיקים האבן זיך געפירט מיט זייערע קינדער ווען זיי זענען נישט געגאנגען בדרך הישר.

דער רבי האט געהאט א תלמיד ר' נפתלי זכרונו לברכה, ער איז געווען פון די צוויי עדות וואס דער רבי האט גענומען פארן תיקון הכללי. וואס דער רבי האט מבטיח געווען: "ווען איך וועל אוועקגיין פון דער וועלט און מען וועט קומען אויף מיין ציון, געבן א פרוטה לצדקה לזכותו און זאגן די תיקון הכללי, אפילו דער מענטש זאל זיין זייער א גרויסער בעל עבירה, וועל איך אים מתקן זיין און אים א טובה טון; ביי די פיאות וועל איך אים ארויס ציען פון שאול תחתית".

דער ר' נפתלי האט געהאט א זון וואס איז ארויס לתרבות רעה רחמנא לצלן, פלעגט ר' נפתלי גיין יעדן טאג צום ציון און מתפלל זיין אז דער זון זאל שטארבן, און תפילה האט דאך א גרויסן כח, און זיין זון איז טאקע געשטארבן. ווען ר' נתן זכרונו לברכה האט דאס געהערט, האט ער געזאגט פאר זיין חבר ר' נפתלי: "נפתלי, איך פארשטיי דיר נישט, אז דו האסט א כח פון דאווענען, פארוואס האסטו געבעטן ער זאל שטארבן, וואלסט געדארפט בעטן ער זאל תשובה טון, וואלט ער זיך צוריקגעקערט צום אייבערשטן".

זעט מען פון די מעשה, אז אנשטאט מען זאל זיך וועלן הרג'ענען אדער הרג'ענען דעם קינד, איז דא א בעסערע וועג - דאווענען צום אייבערשטן אז ער זאל תשובה טון און זיך צוריק קערן צום אייבערשטן.

(מכתב ג' ויצא תשע"ח)

גרשון קרעמער




# אינפלאציע און אינטערעסט ראטעס

וואו קען מען קויפן אינפלאציע פאר א גוטע פרייז? איך הער אז די פרייזן דערפון זענען לעצטענס שטארק ארויף...

וויצן אין די זייט געלייגט וואס פונקטליך מיינט דאס אינפלאציע? און וואס קען מען טון דערמיט?

כדי צו מסביר זיין אינפלאציע אין "איין ווארט" וועלן מיר פארציילן א קורצע מעשה. פאר בערך זעכציג יאר צוריק האט מוהרא"ש זי"ע זיך זייער געפלאגט פאר פרנסה, אין יענע צייט איז נישט געווען ווי היינט, אויב מען האט נישט געהאט צו צאלן רענט, האט דער לענדלארד געשיקט זיינע דזשאנדארן און פשוט און פראסט אנגעכאפט דעם טענענט און ארויסגעטראגן אים זיין ווייב און קינדער און אלע האב און גוטס פשוט אויפן גאס.

דאס איז געווען מעשים בכל יום וואס מען האט געקענט טרעפן אויפן סיידוואק און פארענט פון די הויז א משפחה מיט זייערע פורניטשער אן קיין דאך איבערן קאפ. איין ערב שבת קודש וואס איז שוין געווען דער ערשטער טאג אין די מאנאט און מען האט "געמוזט" באצאלן די רענט פארן לענדלארד, אבער מוהרא"ש האט נישט געהאט קיין פרוטה אין טאש.

מוהרא"ש זי"ע האט זיך אריבערגעכאפט צום צעלימער בית המדרש אין וויליאמסבורג, קיינער איז נישט דארט געווען, מוהרא"ש איז צוגעגאנגען צום ארון הקודש און זיך גוט אויסגעוויינט צום באשעפער זאל אים צושיקן דאס געלט פאר די רענט, און פארשטייט זיך אז מוהרא"ש האט אויך נישט פארמאגט ביי זיך קיין דאלער פאר א שבת ארדער, נאכן זיך גוט אויסוויינען פארן באשעפער, הערט מוהרא"ש ווי די טיר עפענט זיך, מוהרא"ש האט שנעל אפגעווישט זיינע טרערן, און זיך צוגעזעצט צו א ספר זיך מאכענדיג ווי ער לערנט, אבער דער איד וואס האט געעפענט דעם טיר גייט גלייך צו צו מוהרא"ש און נעמט ארויס פון בוזעם אן ענוועלאפ און זאגט אים "איך דריי מיך שוין ארום א שטיק צייט מיט מעשר געלט אין מיין טאש, און יעצט האב איך געהאט א חלום אז איך זאל געבן דאס געלט פאר די ערשטע מענטש וועם איך טרעף, דא האסטו דאס געלט".

מוהרא"ש האט געעפענט דעם ענוועלאפ, און ווי וואונדערליך האט אים דער אויבערשטער צוגעשיקט פינף און זיבעציג דאלער, וואס האט אים געגעבן פונקט גענוג געלט וויפיל ער האט געדארפט האבן, זיבעציג דאלער פאר די רענט, און פינף דאלער פאר די שבת ארדער.

דאס איז אן אמת'ע מעשה וואס מוהרא"ש פלעגט אסאך מאל פארציילן ארויסצוברענגען וואס דאס מיינט תפילה, און אז מיר זאלן זען ווי דער אויבערשטער העלפט ווען מען בעט אים.

די געלט חלק פון די מעשה איז אין איין ווארט אינפלאציע. פאר זעכציג יאר צוריק האט מען געקענט דינגען א (פיצעלע בעיסמענט) דירה אין ברוקלין פאר זיבעציג דאלער, און מען האט געקענט קויפן א מינימאלע שבת ארדער פאר פינף דאלער. אינפלאציע מיינט דאס וואס די געלט ווערט ווייניגער ווערט.

אינפלאציע איז אויך א בריאה וואס דער אייבערשטער געמאכט און עס איז אפילו "געזונט" פאר אן עקאנאמיע צו האבן אינפלאציע. - פארשטייט זיך מיט א מאס. עס איז אויך דא דאס פארקערטע פון אינפלאציע, ווען די פרייזן פון זאכן נעמען זיך פאלן, וואס אויבנאויף זעט עס אויס ווי א געוואונטשענע זאך, מען קען קויפן זאכן פאר ביליגער. אבער ניין, אויב פרייזן נעמען זיך פאלן קען עס פירן צו ממש א צוזאם בראך פון אן עקאנאמיע. ווייל עס קען פירן אז מענטשן זאל אויפהערן איינצוקויפן, ווייל מען וויל ווארטן ביז די פרייזן זאל נאך מער פאלן, און דאס האט שוין אונטערגעברענגט עקאנאמיעס פון לענדער.



מען קען הערן מענטשן רעדן ווי שרעקליך די אינפלאציע איז, און ווי מען קען זיך נישט גלייבן ווי פרייזן הייבן זיך, "היינט קאסט א ברויט שוין מער פון פיר דאלער!", ווען קוים עטליכע יאר צוריק האט זיך עס געדרייט ביי צוויי דאלער, אבער די זעלבע שמועס איז פארגעקומען צווישן צוויי מענטשן פאר צוואנציג יאר צוריק ווען זיי האבן זיך געבייזערט אז בעקערייען האבן די חוצפה צו בעטן צוויי דאלער פאר א ברויט ווען מיט קוים עטליכע יאר צוריק האט מען געבעטן דערפאר בלויז איין דאלער.

א געזונטע אינפלאציע ראטע איז בערך דריי פראצענט, דאס הייסט אז די פרייזן האבן זיך אין דורכשניט מיט דריי פראצענט, דאס איז א ראטע וואס איז נישט צו דראמאטיש און דרייט נישט איבער די סדרי בראשית אבער איז גוט פאר די עקאנאמיע און העלפט צו עס זאלן וואקסן גוט.

אויב די אינפלאציע וואקסט צו שנעל ווען זיך געווענליך די רעגירונגען פרובירן אריינצומישן כדי עס אפצושטעלן, ווייל צופיל אינפלאציע קען אויך שווער אויסקלאפן אויף די עקאנאמיע, איינע פון די עיקר וועגן וואס די רעגירונגען וועלן געווענליך טון איז העכערן די אינטערעסט ראטעס, דאס מיינט אז די רעגירונג האט א געוויסע קאנטראל אויף וויפיל די בענק דארפן צאלן כדי צו בארגן געלט, און אויב מען העכערט זייערע ראטעס מוזן זיי אויך העכערן די ראטעס פאר די וואס ווילן בארגן געלט פון זיי, און ווען עס ווערט שווערער צו שאפן געלט שטאטערט עס אפ די עקאנאמיע וואס איז גורם די אינפלאציע זאל זיך פארשטאטערן.

דאס איז די סיבה פארוואס פילע האבן יעצט גרויסע שוועריקייטן צו קענען שליסן (קלאוזן) ביים קויפן א דירה, ווייל דאס געלט וואס די רעגירונג האט געווארפן אין די קאוויד תקופה האט גורם געווען א שטארקע העכערונג אין די אינפלאציע (בערך אכט פראצענט א יאר) וואס די רעגירונג וויל יעצט באקעמפן מיט די הויכע אינטערעסט ראטעס.

די הויכע אינטערעסט ראטעס פארשווערן טאקע פון איין זייט צו קענען נעמען און באצאלן א מארטגעזש, אבער פון די אנדערע זייט איז עס גורם אז פרייזן פון הייזער קענען אנהייבן צו פאלן, אדער לכל הפחות עס זאל זיך נישט הייבן.

דער איבערשטער האט געהאלפן אז די אינפלאציע איז שוין צוריק געגאנגען אין די לעצטע יאר צו נארמאלע ציפערן, בערך דריי פראצענט, און מיר זענען מתפלל אז דער איבערשטער זאל העלפן אז די אינטערעסט ראטעס זאלן אויך צוריק קומען צו עפארדעבל ראטעס, און אלע אידן וואס ווארטן צו קענען קויפן א הויז זאלן אנקומען דערצו מיט הרחבת הדעת.

דער רבי האט געזאגט אין שיחות הר"ן סימן לו "עוֹד יִהְיֶה זְמַן שֶׁמִּי שֶׁיִּהְיֶה אִישׁ כָּשֵׁר פָּשׁוּט, יִהְיֶה חִדּוּשׁ גָּדוֹל כְּמוֹ הַבַּעַל־שֵׁם־טוֹב ז"ל." אז עס וועט קומען א טאג (היינטיגע צייטן) וואס א פשוטע ערליכער איד וועט זיין אזא חידוש ווי דער בעל שם טוב, און היינטיגע צייטן איז די חשיבות פון יעדע מצוה, א איד מיט בארד און פיאות, א איד וואס האלט שבת, לייגט תפילין, איז ממש אזא חידוש ווי דער בעל שם טוב.

און לגבי קויפן א הויז, איז דא א וועג צו קויפן א הויז, די בעסטע קוואליטעט, אין די בעסטע לאקעישאן, אן צאלן די הויכע אינטערעסט ראטעס. מוהרא"ש האט געזאגט אז דורכדעם וואס א איד לערנט יעדן טאג א בלאט בבלי, א בלאט ירושלמי, און א פרק תוספתא, קויפט ער זיך דערמיט א בית נצחי א הויז אויף יענע וועלט. אבער אויך האט ער געזאגט איז עס מסוגל מען זאל קענען קויפן א גשמיות'דיגע הויז דא אויף דער וועלט.

און דאס קען מען זיך איבערצייגן קליפ און קלאר ווען מען גייט אריבער אין קרית ברסלב ליבערטי און מען זעט ווי אינגעלייגט אין די אינגע צוואנציגער יארן האבן שוין אייגענע הייזער, אין די צייט וואס אנדערע קענען נאכנישט טראכטן אפילו פון אזא געדאנק, דאס קומט וויבאלד זיי לערנען יעדן טאג "בית נצחי" וואס דאס מאכט אז דער מענטש זאל קענען קויפן א הויז און אויך קענען צאלן דעם הויז יעדן חודש.

אדרבה איבערצייגט אייך אליין, הייבט דאס שוין אן צו טון וועט איר זיך איבערצייגן אז דאס איז אמת ויציב און קיין וויצן. לערנט יעדן טאג א בלאט גמרא בבלי, א בלאט גמרא ירושלמי און א פרק תוספתא, עס נעמט ממש אפאר מינוטן און איר געווינט גאר אסאך אויף דער וועלט און אויף יענע וועלט.

**א דף גמרא דאס איז מיין לעבן**

## געדאנקען

**משה ארי' שניצלער**



# העלף דיין קאמפעטישן

ברוך השם ס'איז געווען א הערליכע שבת פרשת תולדות מיט דער ראש ישיבה אין שטעטל.

מ'וואלט געקענט שרייבן צוואנציג דרייסיג בלעטער פון דעם שבת, אבער איך מוז דאך נישט אלעס דעקן....

אנהייב וואך איז שוין ארום א שמועה אז דער ראש ישיבה קומט. ס'דארף צו הייסן אז דער ראש ישיבה קומט יעדן שבת מברכים, אבער נישט אלץ ארבעט זיך עס אויס, דאס מאל שבת מברכים כסליו איז דער ראש ישיבה טאקע נישט געווען אין שטעטל, כ'האב שוין אנגעהויבן חושש זיין אז די נעקסטע שבת מיט דער ראש ישיבה אין שטעטל וועט זיין חנוכה, אבער ברוך השם אז מ'האט שוין אנגעהויבן הערן אויף זיכער אז דער ראש ישיבה פלאנט צו זיין אין שטעטל.



ווען איך בין געקומען אין שול צען מינוט נאך לעכט צינדן איז דער ראש ישיבה געזיצן אויף זיין פלאץ, (אדער געזאגט שיר השירים, אדער געלערנט זיינע שיעורים, כ'האב נישט געקוקט). דער גבאי מו"ה אברהם הערש הי"ו האט מכבד געווען דעם חתן מו"ה חיים מאיר הי"ו צו די פלאץ וואו חתנים זיצן אויבן אן.



צו מנחה איז צוגעגאנגען מו"ה אברהם הערש הי"ו. דער ראש ישיבה האט געדאווענט פאר'ן עמוד קבלת שבת, מ'האט געזינגען די הערליכע לכה דודי, דער ראש ישיבה האט זיך אויסגעדרייט עטליכע מאל און אויפגעפרישט דעם עולם מיטצוזינגען לכבוד שבת. ווען דער ראש ישיבה דאווענט פארן עמוד זעט מען אלעמאל ווי די חינוך פון די קינדער איז די שפיץ פון לעבן ביי א איד, כ'האב נאך קיינמאל נישט געזען איינער זאל מחנך זיין די קינדער בשעת'ן דאווענען פארן עמוד, דאס איז א קונצליכע עבודה וואס דער ראש ישיבה לייגט אראפ כסדר, וואס מ'קען זיך אסאך אפלערנען פון דעם, אזוי ווי די ווערטל גייט: "עבודת השם גייט נישט אויף וואקאציע, עבודת השם נעמט קיינמאל נישט קיין ברעיק".

נאכ'ן דאווענען האט מען געטאנצן שבענו מטוביך, אזוי ווי יעדע וואך, און נאכדעם סימן טוב




ומזל טוב, לכבוד די חתן ר׳ חיים מאיר, און נאכדעם עוד ישמע, דער ראש ישיבה האט געטאנצן מיט די חתן.

נאכדעם האט מען געזאגט גוט שבת, דער ראש ישיבה האט געשמועסט מיט די איינוואוינערס פון די שטעטל, און שטארק גערעדט פון די זאך פון אויפשטייגן פרי און לערנען פאר מ׳דאווענט און מ׳גייט אין ארבעט.

דער ראש ישיבה האט ארויסגעברענגט וואס רבינו הקדוש מ׳סאטמאר זכותו יגן עלינו האט זיך פארלייגט אויף דעם, אז מ׳זאל אויפשטעלן א דור פון בעלי בתים וואס לעבן מיט יראת שמים און לערנען אין שול צופרי׳ פאר מ׳גייט דאווענען און ארבעטן.

אנשטאט דער רבי זאל זיך פארלייגן צו מאכן גלייך א כולל און גלייך זאל זיין א גרעסערע צאל פון לומדי תורה וואס זענען א גאנצן טאג בין כותלי בית המדרש, האט דער רבי ענדערש געוואלט אז קודם זאל מען זיך זארגן אז די קומענדיגע דור וואס וואקסט אויף, די וואס וועלן זיין בעלי מלאכות און סוחרים זאלן לעבן א לעבן פון יראת שמים און אהבת התורה.

דער ראש ישיבה האט ארויסגעברענגט אז זיין זיידע הרב ר׳ אלחנן חיים טייטלבוים זכרונו לברכה, וואס לעולם וואלט ער געקענט אננעמען א שיינע רבנות שטעלע, דאך האט אים דער רבי מייעץ געווען צו גיין אין מסחר און אנווייזן אז מ׳קען עוסק זיין אין פרנסה און אין די זעלבע צייט לערנען בהתמדה רבה און אהערשטעלן א הערליכע דור פון



**מ׳קען עוסק זיין אין פרנסה און אין די זעלבע צייט לערנען בהתמדה רבה**

בני תורה, רבנים מפורסמים, פוסקים מובהקים און מרביצי תורה, אזוי ווי די משפחה איז וואויל באקאנט.

(עס איז טאקע באוואוסט אז דער רבי האט זייער ליב געהאט ר׳ אלחנן ז״ל און אים אויסטערליש מכבד געווען, דער רבי פלעגט אלעמאל פרייטאג צו נאכטס ביים טיש זעצן ר׳ אלחנן דער ערשטער נעבן זיך)

ווען דער ראש ישיבה איז שוין געווען אויפן וועג ארויס ביי די טיר, האב איך געזאגט גוט שבת, דער ראש ישיבה האט זיך געשטעלט אין א זייט און געפרעגט עטליכע שאלות וועגן די כולל.

דער ראש ישיבה האט אויך געזאגט אז ס׳קומט צו נאך א אינגערמאן אין כולל, א חתן וואס האט חתונה אין עטליכע וואכן (האלט מען שוין ביי א פעיראלל פון ניינצן טשעקס פון דריי הונדערט און פופציג דאלער, יעדע וואך,



דער ראש ישיבה שליט״א אלס קינד באקומט חנוכה געלט פון זיין זיידע הרב החסיד ר׳ אלחנן חיים טייטלבוים ז״ל





דער ראש ישיבה שליט"א באזוכט אין כולל דאנערשטאג חיי שרה

דאס איז איבער זעקס טויזנט דאלער א וואך!). דער ראש ישיבה האט געזאגט: די כולל גייט ווערן זייער א גרויסע ערנסטע מוסד, כ'האף אז דו וועסט עס קענען ווייטער אהערשטעלן.

דער ראש ישיבה האט מיר געזאגט עטליכע שיינע נקודות פון פאנדרעיזינג, (אביסל דורכגעגאנגען די סדר היום, וואס דארף א פאנדרעיזער צו וויסן וכו', אנהייב טאג, אינמיטן טאג, און סוף טאג, ווי אזוי דארף מען זיך אומגיין מיט נדבנים, ווען בעט מען יא, ווען נישט, וכו') דער ראש ישיבה האט מיך געפרעגט עטליכע שאלות צו מאכן זיכער אז מענטשן זאלן נישט ווערן באליידיגט און ב'עולה'ט, ובפרט אז ס'האט זיך אויסגעשטעלט יעצט ראש חודש כסליו אז ס'איז נישט געווען קיין סעודת ראש חודש, האט דער ראש ישיבה געוואלט מאכן זיכער אז מ'גייט זיך אום יושר'דיג מיט יעדן און אז מען בא'עולה'ט נישט קיינעם.

ביי די באטע האט דער ראש ישיבה זייער אסאך גערעדט פון די זאך פון זיך דערהאלטן ביי א שידוך, ווער עס דערהאלט זיך באקומט א שידוך.

דער ראש ישיבה האט גערעדט פון די וויכטיגע נקודה, אז אויב עלטערן רייסן אונטער די מוסד אין פארנט פון די קינדער איז דאס זייער שעדליך, דער ראש ישיבה האט פארציילט וואונדערליכע פקחות'דיגע זאכן פון זיין טאטע הגאב"ד קארלסבורג שליט"א, וואס ער האט באהאלטן פון די קינדער פארשידענע פאליטיק וואס האט זיך אפגעטון אין א מוסד וואו זיי האבן געשיקט די קינדער, און מיט א געוואלדיגע זהירות האט מען אכטונג געגעבן אז קינדער זאלן נישט וויסן גארנישט פון די פאליטיק וואס איז שעדליך פאר קינדער. ווען דער ראש ישיבה איז שוין געווען נאך די בר מצוה, און ער האט געטוישט ישיבה, איז ער ערשט געוואר געווארן פון חברים אין ישיבה פארשידענע פאליטישע שטריימן וואס איז געווארן אויסבאהאלטן פון אים.

**די כולל גייט ווערן זייער א גרויסע ערנסטע מוסד**

דער ראש ישיבה האט געזאגט אז א קלוגער טאטע שיקט א קינד זאל מיטהאלטן די רבי'שע מאורעות אין דעם מוסד וואו דאס קינד גייט, אלעס נאר אז א קינד זאל נישט פילן קיין שום צוריסנקייט צווישן דעם מוסד און זיין טאטן. נישט אזוי ווי טייל מענטשן שיקן דעם קינד אין א מוסד און זאגן פארן קינד אז די גאנצע זאך איז בלאף, דאס קען גורם זיין אז דאס קינד זאל מפקפק זיין אין די גאנצע תורה חס ושלום.

(אויך האט דער ראש ישיבה גערעדט א אנדערע מאל פון א ענליכע נקודה, לגבי אויסלערנען קינדער אז זיי זאלן וועלן האבן א ביליגע בר מצוה אזוי ווי אין ברסלב, דער ראש ישיבה האט געזאגט, אויב דו שיקסט אין א פלאץ וואו ס'איז דא א רייץ צווישן די קינדער ווער ס'קען האבן א טייערערע זאל, קענסטו נישט צווינגען דיין קינד צו האבן א פשוט'ע קליינע אומזיסטע בר מצוה, עס קען אפילו צוריקקלאפן אויף פארקערט, ער קען ארומגיין





תלמידי היכל הקודש ירושלים לייענען די קרית ברסלב בלעטל

מיט א שנאה אויף זיין טאטן א גאנצן לעבן, דאס איז די מעלה אין ברסלב אז מ'לערנט אויס די קליינע קינדער פון דריי יאר אז ס'איז דא א רייץ ווער ס'קען האבן א ביליגערע קלייד און ווער ס'קען האבן א ביליגערע זאל ביי די בר מצוה)

דער ראש ישיבה האט גערעדט פון די קרית ברסלב בלעטל, פון די ארטיקלען וואס מ'באשרייבט די סעודות פון דער ראש ישיבה, האב איך געזאגט אז ס'קומט א גרויסן דאנק פאר דעם חתן ר' חיים מאיר, ווייל ווען ער באשרייבט דער ראש ישיבה'ס סעודה לייגט ער ארויס זיין נאמען, ס'האט א אנדערע טעם אז ס'שטייט א נאמען, דער ראש ישיבה האט צוגעשטימט דערצו.

מ'האט גערעדט פון די שמחה בבית קארלסבורג, דער ראש ישיבה האט דערציילט אז ער איז געווען דאנערשטאג נאכט ביי שבע ברכות, און זיין טאטע, גאב"ד ד'קארלסבורג, האט אים געבעטן צו רעדן, ס'איז אים געווען שווער, אבער כדי מקיים צו זיין מצוות כיבוד אב ואם האט ער גערעדט עטליכע מינוט, פון די תורה (ליקוטי מוהר"ן חלק א' סימן רפ"ד) וואו די רבי רעדט פון קבעת עתים לתורה, אז קבעת מיינט גנב'ענען, מ'מוז אראפ'גנב'ענען צייט צו לערנען, ווייל אויב מ'ווארט ביז מ'קען לערנען אויף א מסודר'דיגע וועג קען אדורך גיין צופיל צייט אן לערנען תורה.

ארויסגייענדיג פון די שבע ברכות האט איינער פון די רבנים ביי די שבע ברכות געזאגט פאר דער ראש ישיבה, איך האב אזוי שטארק געוואלט הערן וואס "איר" זאגט, מ'זאגט אז איר זענט מחי' טויזנטער מענטשן, האב איך שוין געטראכט אז ענדליך וועל איך אייך שוין הערן רעדן, האט איר געזאגט א שטיקל לקוטי מוהר"ן און שוין, איך קען לערנען ליקוטי מוהר"ן יעדן טאג ביי מיר אין שטוב, אבער א שאד אז איך האב נישט געהערט אייערע דיבורים וואס איר זענט מחי' אזויפיל מענטשן.

**דער ראש ישיבה האט גערעדט פון די קרית ברסלב בלעטל**

דער ראש ישיבה האט גערעדט פון זיין חתונה anniversary, וואס איז ראש חודש כסליו, די ראש ישיבה האט דערציילט ווי א איד האט אים אהיים געטראגן פון זיין חתונה אין "קאנקארד פלאזא" (היינט הצלחה גראסערי ביי בעדפארד און פלאשינג) ביז זיין דירה אויף סאוט אכט'ע סטריט ביי בעדפארד עוועניו און אויפן וועג האט דער ראש ישיבה געטראכט די געוואלדיגע קושיא: יעצט בין איך אזוי פריייליך צו זיין א חתן, באלד גיי איך זיין א פערציג יעריגער מענטש אזוי ווי דער איד וואס פירט מיך אהיים? וואס וועט מיך דעמאלטס מאכן פריייליך? וואס איז די לעבן? יעדער מוז ווערן א נאכגעלאזטער מיטליעריגער מענטש? יעדער מוז אריינגיין אין די "מהיכי תיתי'דיגע" לעבן? וואס איז די מעשה? וואס גייט דא פאר? וואס איז די תכלית?

דער ראש ישיבה האט עס ארויסגעברענגט לגבי די נקודה אז







סעודת ראש חודש אין שטוב פונעם ראש ישיבה אין שטעטל מיט תומכי הכולל - ר"ח טבת תשפ"ג

ווער ס'פאלגט דעם רבי'ן איז זיין ווייב אייביג אינטערעסאנט און חשוב, און ווער ס'פאלגט נישט דעם רבי'ן צו רעדן שיין צו די ווייב מוז זיין אז ער ווערט נערוועז פון איר.

רעדנדיג פון די anniversary, האט דער ראש ישיבה געזאגט, משה ארי' האט מיך אויסגעשפילט, כ'האב געמיינט אז ס'וועט זיין א שיינע סעודת ראש חודש לכבוד מיין anniversary, כ'וועל רעדן פון די חסדים וואס דער אייבערשטער האט געמאכט אז איך האב חתונה געהאט, אבער דער עולם האט נישט געגעבן וכו' און ס'איז נישט געווען קיין סעודת ראש חודש.

שבת צופרי איז דער ראש ישיבה געגאנגען אפנעמען די חתן ר' חיים מאיר פון די שטוב פון מו"ה יעקב יאקאבאוויטש הי"ו מלמד מומחה במוסדותינו, מ'האט געזינגען אויפן וועג שיינע ווארימע ניגונים.

דער ראש ישיבה האט געדאוונט שחרית פארן עמוד, ביי קל אדון איז געווען זייער געשמאק און לעבעדיג.

דער חתן ר' חיים מאיר האט עולה געווען, מ'האט געווארפן צוקערלעך, דער ראש ישיבה האט זיך אויפגעשטעלט טאנצן אויף די ניגון "יש בורא עולם - אין עוד מלבדו".

ביי די קידוש האט מען געזעצט דעם חתן אויבן אן, אויף די סטעידזש, נעבן דער ראש ישיבה, דער ראש ישיבה האט געהייסן פאר די גבאי מו"ה העניך הי"ו זאל אויסרופן "דער גאנצער עולם איז געלאדנט צו די קידוש לכבוד די באווארפן פון החתן חיים מאיר".

**ב'וועל רעדן פון די חסדים וואס דער אייבערשטער האט געמאכט אז איך האב חתונה געהאט**

ביי סיפורי מעשיות האט דער ראש ישיבה זיך אפגעשטעלט ווי דער רבי רעדט פון שידוכים, דער רבי זאגט "וועם ער האט געוואלט, האט זי נישט געוואלט, און ווער ס'האט אים יא געוואלט, האט ער איר נישט געוואלט", אזוי שלעפט מען זיך מיט שידוכים ביז מ'ווערט פארעלטערט.....

דער ראש ישיבה האט געזאגט אז די הצלחה אין לעבן איז נאר אויב מ'האט חתונה ווייל די תורה הייסט אזוי, אויב מ'גייט נישט מיט די תורה, קען מען נישט האבן קיין שום הצלחה.

ביי שלש סעודות האט דער ראש ישיבה זיך געשטעלט אויף די תורה אין ליקוטי מוהר"ן (חלק א' סימן רל"ג) ווי דער רבי שמועסט ווי דער אייבערשטער האט הנאה ווען א איד שלאגט זיך מיט זיינע שלעכטע מחשבות, אז דער אייבערשטער האט הנאה פון דעם אזוי ווי קעניגן קוקן ווי חיות שלאגן זיך (און אזוי ווי היינט, וואס טויטער מענטשן קוקן boxing און wrestling)

דאס איז א גרויסע חיזוק, ווייל א מענטש טראכט ווען וועל איך זיך מער נישט דארפן קריגן מיטן יצר הרע, אבער דער אייבערשטער האט א נחת פון דעם, וואס מ'שלאגט זיך און מ'פרובירט נאכאמאל צו זיין גוט.

דער ראש ישיבה האט ארויסגעברענגט נאכאמאל די שבח



פון שטעטל אז אינגעלייט לערנען צופרי, פאר'ן דאווענען און ארבעטן.

נאך מעריב איז געווען אבות ובנים, אונטער די געניטער אנפירערשאפט פון מו"ה אברהם יושע וועבערמאן הי"ו.

נאך אבות ובנים איז דער ראש ישיבה געזיצן מיט מו"ה בניהו הי"ו און מיט נאך אינגעלייט און געשמועסט איבער די שטעטל, אז ווען מען פרעגט וועגן תקנות אין שטעטל, איז דא איין תקנה, מ'מוז האבן שלום בית, מ'מוז רעדן שיין צו די ווייב.

מ'האט אויך גערעדט פונעם קרית ברסלב בלעטל, דער ראש ישיבה האט זיך נאכאמאל באדאנקט פאר ר' אברהם הערש אז אדאנק די בלעטל העלפט מען מענטשן זאלן נישט אריינעמען אין שטוב די שעדליכע צייטונגען.

דער ראש ישיבה האט אויך ארויסגעברענגט אז אמאל איז געווען די "אדווערטייזמענט בלעטלעך" אביסל אנדערש ווי א צייטונג, ווייל ס'האט נישט געהאט קיין שרייבערס, אבער יעצט הייבט מען אן צו נוצן שרייבערס אין די וועכנטליכע אדווערטייזמענט אויסגאבע'ס, זיי שרייבן פון חינוך און פון אנדערע זאכן, דאס איז בכלל נישט פאר א ערליכע שטוב, איך לערן זיך נישט חינוך פון קיין צייטונג שרייבער, כ'האב נאכאמאל אויפגעפאדערט אין שטוב אז ביי אונז ברענגט מען גארנישט אריין, האט דער ראש ישיבה געזאגט.

דער ראש ישיבה האט געזאגט פאר ר' אברהם הערש, כ'האב געטראכט יא צו זאגן אדער נישט צו זאגן, אבער יעצט אז מ'רעדט שוין (דער ראש ישיבה האט געווארט עטליכע סקונדעס, אזוי ווי ער בעט שטילערהייט נאכאמאל דעם אייבערשטן, זאל איך זאגן אדער נישט) די וועלטליכע נייעס וואס מ'לייגט לעצטנס אין די בלעטל, דארף נישט זיין אזוי טיף צולייגט, ס'איז גענוג צען פראצענט, אז מ'לייגט א קליין שטיקל ווער סע'לויפט פאר פרעזידענט, דאס איז פונקט גענוג, אויב דו וועסט באשרייבן די נייעס צו גוט, אפילו דו לייגסט נאכדעם צו אז דער אייבערשטער פירט די וועלט, אבער אויב ס'מאכט נייגעריג צו וועלן צו גוט פארשטיין וואס טוט זיך אין די נייעס, טויג עס נישט.

(כ'האב יעצט געפרעגט ר' אברהם הערש צו כ'קען דאס ארייינלייגן אין מיין ארטיקל האט ער געזאגט אוודאי! וואס איז די שאלה! מ'האט עס שוין אפילו אויסגעשמועסט אויף די האטליין! אשרי העם שככה לו, אשרינו אז ס'איז דא מענטשן וואס פאלגן א ערליכן איד על כל אשר יאמר כי הוא זה).

דער ראש ישיבה האט געפרעגט פון מו"ה שמעון עוזר גרינפעלד הי"ו ווי אזוי ער איז צופרידן אין שטעטל? און צו מו"ה מרדכי

**אין שטעטל. איז דא איין תקנה, מ'מוז האבן שלום בית**



אבות ובנים מוצאי שבת תולדות





דער ראש ישיבה באזוכט די כתה פון ר' נחמן נתן קרויס אין שטעטל

היימליך הי"ו העלפט אים אין די לאו וואלטעדזש ביזנעס, האט ער געזאגט אז ער העלפט אים זייער שטארק.

האט דער ראש ישיבה געזאגט וואו איז דא נאך א פלאץ אין די וועלט וואו מ'העלפט א קאמפעטישן?! כ'האב געזאגט פאר מאטי, סאליוואן קאונטי איז זייער גרויס! א ביזנעס קען אמאל אונטערפאלן אויב מ'נעמט צו סאך דזשאבס! נעם אן יעדע דזשאב און געב איבער פאר שמעון עוזר, אזוי וועלן ביידע האבן הצלחה! און ברוך השם מאטי איז זייער מצליח! (קוקנדיג צום מנהל הכולל) כ'מיין די כולל דארף אים בעטן געלט...

ארויסגייענדיג פון בית המדרש האט דער ראש ישיבה געפרעגט נאך קינדער ווער איז דיין רבי? (דער ראש ישיבה פרובירט צו touch base מיט "אלע" קינדער ביי יעדן באזוך אין שטעטל, אסאך מאל פרעגט ער ווער איז דיין רבי, אסאך מאל פרעגט ער א אנדערע זאך וואס איז אינטערעסאנט פארן קינד, למשל, אויב ס'איז געבוירן א בעיבי, פרעגט דער ראש ישיבה וועגן די בעיבי, וכדומה, אדער ביי א שידוך, וכדומה,) איין אינגל האט געענטפערט רבי קרויס, האט דער ראש ישיבה געענטפערט, פששש! הא! אזא גוטע רבי! נאכדעם האט איין אינגל געזאגט רבי שניטצלער, האט דער ראש ישיבה געזאגט אפשר זאל מען יא מעגן זאגן וועלכע רבי שניטצלער?.... ווייל ס'איז דא עטליכע...

ווייטער אויפן וועג ארויס האט דער ראש ישיבה געזאגט כ'האב מורא אז איך וויל נישט דא קומען וואוינען, ווייל ס'איז דא אינגעלייט וואס זענען מער מצליח דוקא דא אין שטעטל וואו ס'איז אלעס געמאכט אז מ'זאל זיך קענען בעסער אנטוויקלען, דער ראש ישיבה האט אנגעוויזן אויף צוויי טייערע אינגעלייט, מו"ה אברהם יושע הי"ו און מו"ה משה הי"ו וואס זענען דארט געשטאנען און פירן אן א גאנצע פליגל פון די פילצאליגע אפעראציעס אינערהאלב מוסדותינו הקדושים (אברהם יושע מיט די קינדער ביי שלש סעודות און ביי אבות ובנים און מושי מיט די האט-ליין און מיט די באזוכן אין די תפיסות, אויך איז אברהם יושע פון די איבערגעגעבענע חברי הצלה אין שטעטל, און בנוסף לזה העלפט ער שטארק בעצה ותושיה פאר אלע וואס קויפן הייזער אין שטעטל, זייענדיג א פראפעסיאנאלער מארטגעדזש בראוקער) דער ראש ישיבה האט אנגעוויזן אז מ'קען זיין א שעמעדיגער אין ישיבה ביי די דרייצן און א טעטיגער ענערגישער עסקן עטליכע יאר שפעטער.

**איין אינגל האט געענטפערט רבי קרויס, האט דער ראש ישיבה געענטפערט פששש! הא! אזא גוטע רבי!**

שכח אייבערשטער אז דו האסט געמאכט מיט מיר אזא גרויסע נס אז דו האסט מיך געברענגט צו א ראש ישיבה וואס אנשטאט ער זאל זיין סתם א שיינער איד וואס קומט צו מיין שמחה, און וואונטשט אן מיט זיידענע לשון-קודש'דיגע ברכות און אנשטאט ער זאל נאר אדרעסירן אומרעלאטיווע ענינים, ארבעט דער ראש ישיבה אומאויפהערליך ההערצושטעלן א חינוך אפאראט וואס וועט מאכן קינדער רעדן צום אייבערשטן און ליב האבן אידישקייט אפילו ווען די לעבן גייט נישט ווי מען האט געוואלט.

# קלאסיפייד'ס

*Deadline to advertise*
*Sunday 12:00 PM*




א שיינע איין רומיגע דירה אין שטעטל צו פארדינגען פאר א שבת אדער פאר א קורצע צייט, אין די טווין ברידזש געגענט, נאנט צום בית המדרש עצתו אמונה.

אויך שטעלן מיר צו סעודת שבת קודש.

רופט לייבי ראטה - 347-578-4449




## Great news!

### Daytime babysitting in Shtetl!!

A warm and safe place to drop off your baby.

*Shopping spree

*Appointments

*Run errands

Call F. Jacobovitch
646-771-6936



# א מעשה
## פון א צדיק



### מֶען דרוּקְט דֶעם לִיקוּטֵי הֲלָכוֹת

וֶוען רֶבִּי נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעעֶנְדִיגְט מְסַדֵּר זַיין דֶעם סֵפֶר לִיקוּטֵי הֲלָכוֹת הָאט אִים דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן גֶעפְרֶעגְט "הָאסְטוּ גֶעשְׁפִּירְט עֶפֶּעס אַ הִתְנוֹצְצוּת אֱלֹקוּת אִין דֶעם סֵפֶר"? הָאט עֶר גֶעזָאגְט אַז יָא! רֶבִּי נַחְמָן פְלֶעגְט פַארְצֵיילְן אַז אַסַאךְ מָאל פוּן דִי גְרוֹיסֶע לֶעכְטִיגְקֵייט וָואס עֶר הָאט גֶעשְׁפִּירְט אִין דִי תּוֹרוֹת פוּן לִיקוּטֵי הֲלָכוֹת הָאט עֶר גֶעדַארְפְט אִינְגַאנְצְן אָפְּשְׁטֶעלְן דִי אַרְבֶּעט אוּן אַרָאפְּלֵייגְן דֶעם פֶעדֶער.




שְׁפֶּעטֶער הָאט עֶר אָנְגֶעהוֹיבְּן דְרוּקְן דֶעם לִיקוּטֵי הֲלָכוֹת, עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן מִיטְן עֶרְשְׁטְן בַּאנְד וָואס דָאס אִיז אוֹרַח חַיִּים חֵלֶק א', רֶבִּי נָתָן הָאט אִים גֶעגֶעבְּן אַבִּיסְל פַאר דִי הוֹצָאוֹת פוּנֶעם וֶועג, צוּ פָארְן פוּן בְּרֶסְלֶב צוּם שְׁטָאט יַאס וָואס גֶעפוּנְט זִיךְ אִינֶעם מְדִינָה וָואלְחְיֵי.

וֶוען זַיין וַוייבּ הָאט גֶעהֶערְט אַז עֶר פָארְט פוּן בְּרֶסְלֶב קַיין וָואלְחְיֵי, אִיז זִי גֶעפָארְן קַיין בְּרֶסְלֶב צוּם שְׁטוּבּ פוּן רֶבִּי נָתָן אִים זָאגְן אַז אוֹיבּ עֶר וֶועט אִיר נִישְׁט צוּשְׁטֶעלְן עֶפֶּעס צוּ עֶסְן וֶועט זִי מִיט דִי קִינְדֶער אוֹיסְגֵיין פַאר הוּנְגֶער חַס וְשָׁלוֹם.

הָאט רֶבִּי נָתָן גֶעשְׁרִיבְּן פַאר זַיין זוּן ר' יִצְחָק ז"ל פוּן שְׁטָאט טוּלְטְשִׁין אַז עֶר זָאל אִיר גֶעבְּן יֶעדֶע וָואךְ אַ גֶעוִויסֶע סְכוּם גֶעלְט אַז זִי זָאל קֶענֶען קוֹיפְן צוּ עֶסְן.

רֶבִּי נַחְמָן הָאט פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אוֹיךְ נִישְׁט גֶעהַאט קַיין אִיבֶּערִיגֶע גֶעלְט אוֹיפְן וֶועג, אוּן אַ הִיפְּשׁ חֵלֶק פוּנֶעם וֶועג אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען צוּפִיס, כְּדֵי נִישְׁט צוּ דַארְפְן בֶּעטְן גֶעלְט פוּן רֶבִּי נָתָן, וַוייל רֶבִּי נָתָן הָאט דָאךְ אוֹיךְ נִישְׁט גֶעהַאט קַיין גֶעלְט, צוּלִיבּ דֶעם וָואס דִי וֶועלְט הָאט דָאךְ נִישְׁט גֶעהַאט קַיין הַשָּׂגָה אִין רֶבִּי נָתָן, אוּן נִישְׁט פַארְשְׁטַאנֶען אַז מֶען דַארְף דֶעם אִיד אַרוֹיסְהֶעלְפְן.

(אילן החיים קלג -קלד)





# דעם הייליגן רבינ'ס
# לעבנסגעשיכטע

| פ א ר ז ע צ ו נ ג |

## - נ"ה -

**פָּארְזֶעצוּנְג פוּן פְרִיעֶר:** אָנְהוֹיבּ ווִינְטֶער שְׁנַת תקנ"ח, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי וֶוערְט גֶעוואוֹיר פוּן הִימְל אַז עֶר דַארְף פָארְן צוּם שְׁטָאט קַאמִינִיץ, אוּן עֶר לָאזְט זִיךְ אַרוֹיס אוֹיפְ'ן וֶועג הָאט דֶער רֶבִּי מִיט זַיין תלמוד ר' שִׁמְעוֹן זִיךְ אַרוֹיסְגֶעלָאזְט קַיין מֶעזֶעבִּיזְשׁ, אִין וואלחאוויץ אִיז נאך איינער מוטגעקומען, זֵיי הָאבְּן אָנְגֶעהוֹיבְּן פָארְן קַיין קַאמִינִיץ. זֵיי זֶענֶען גֶעפָארְן ווִי פְּשׁוּטֶע מֶענְטְשְׁן, אָן קַיין שׁוּם פִּרְסוּם ווִי אַ רֶבִּי וָואלְט גֶעפָארְן.

* * *

זֵיי זֶענֶען אָנְגֶעקוּמֶען קַיין קַאמִינִיץ, וָואס גֶעפוּנְט זִיךְ אוּמְגֶעפֶער הוּנְדֶערְט אוּן פוּפְצִיג קִילָאמֶעטֶער פוּן מֶעזִיבִּיזְשׁ.

אִין יֶענֶע צַייט, אִיז גֶעוֶוען פַארְבָּאטְן פַאר אִידְן צוּ וואוֹינֶען אִין דִי שְׁטָאט קַאמִינִיץ, אוּן קַיין שׁוּם אִיד הָאט נִישְׁט גֶעטָארְט אִיבֶּערְנֶעכְטִיגְן דָארְט אִין שְׁטָאט. אַלֶע אִידְן הָאבְּן גֶעוואוֹינְט אִינְדְרוֹיסְן פוּן שְׁטָאט, אוּן וֶוער סְ'הָאט גֶעהַאט עֶפֶּעס גֶעשֶׁעפְטְן צוּ מַאכְן דָארְט אִין שְׁטָאט הָאט גֶעקֶענְט אַרַיינְגֵיין אִין שְׁטָאט בַּייטָאג, זֵיי הָאבְּן גֶעמֶעגְט דָארְט זַיין אַ גַאנְצְן טָאג, בַּיינַאכְט הָאבְּן אָבֶּער אַלֶע אִידְן גֶעמוּזְט פַארְלָאזְן דִי שְׁטָאט.

וֶוען דֶער רֶבִּי אִיז גֶעקוּמֶען דֶעמָאלְט קַיין קַאמִינִיץ מִיט זַיין בַּאגְלֵייטֶער, זֶענֶען זֵיי גֶעוֶוען דָארְט אַ גַאנְצְן טָאג בִּיז בַּיינַאכְט, אוּן וֶוען דִי נַאכְט הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּפַאלְן, אוּן אַלֶע אִידְן הָאבְּן אָנְגֶעהוֹיבְּן אַרוֹיסְצוּגֵיין, הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט פַאר זַיין בַּאגְלֵייטֶער אַז עֶר זָאל אוֹיךְ אַרוֹיסְגֵיין פוּן שְׁטָאט מִיט אַלֶע אִידְן, אוּן אַז צוּמָארְגְנְס זָאל עֶר צוּרִיק אַרַיינְקוּמֶען אוּן זִיךְ טְרֶעפְן מִיטְ'ן רֶבִּי'ן אוֹיף אַ בַּאשְׁטִימְטְן אָרְט.

דֶער בַּאגְלֵייטֶער אִיז טַאקֶע אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען, אָבֶּער דֶער רֶבִּי אִיז גֶעבְּלִיבְּן דָארְט אִין שְׁטָאט אִיבֶּער נַאכְט, קֵיינֶער הָאט אִים נִישְׁט בַּאמֶערְקְט דָארְט, אוּן קֵיינֶער וֵוייסְט נִישְׁט וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעטוּן דָארְט דִי גַאנְצֶע נַאכְט. דֶעם קוּמֶענְדִיגְן טָאג אִיז דֶער בַּאגְלֵייטֶער צוּרִיק גֶעקוּמֶען אִין שְׁטָאט, אוּן טַאקֶע גֶעטְרָאפְן דֶעם רֶבִּי'ן דָארְט וואוּ זֵיי הָאבְּן אָפְּגֶעשְׁמוּעֶסְט זִיךְ צוּ טְרֶעפְן.

דֶערְנָאךְ אִיז דֶער רֶבִּי גֶעגַאנְגֶען מִיטְ'ן בַּאגְלֵייטֶער אִיבֶּער דִי שְׁטָאט, זֵיי זֶענֶען אַרַיינְגֶעגַאנְגֶען אִין אַסַאךְ הַייזֶער, זֵיי הָאבְּן אִיבֶּעְרָאל גֶעטְרָאפְן עֶפֶּעס אַ וֶועג אוּן תֵּירוּץ פַארְוָואס אַרַיינְצוּגֵיין, בַּיי עֶטְלִיכֶע הַייזֶער הָאבְּן זֵיי גֶעבֶּעטְן אַז זֵיי דַארְפְן אַבִּיסְל בְּרוֹינְפְן אוּן דָאס גְלַייכְן, אוּן אַזוֹי זֶענֶען זֵיי אָנְגֶעקוּמֶען אִין גָאר אַסַאךְ הַייזֶער. קֵיינֶער וֵוייסְט נִישְׁט וָואס דִי כַּוָּונָה פוּן רֶבִּי'ן אִיז גֶעוֶוען מִיט דֶעם, אוּן וָואס עֶר הָאט גֶעוָואלְט דָארְט אוֹיפְטוּן.

נָאכְדֶעם זֶענֶען זֵיי צוּרִיק גֶעפָארְן קַיין מֶעזֶעבִּיזְשׁ, דָארְט הָאט דֶער רֶבִּי אוֹיסְגֶעפִירְט דֶעם צוּזָאג וָואס עֶר הָאט גֶעגֶעבְּן פַאר זַיין מַאמֶע דִי צַדֶיקֶת אַז עֶר וֶועט גֵיין צוּם קֶבֶר פוּן הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב זי"ע. אוֹיךְ הָאט עֶר דָארְט מִיטְגֶענוּמֶען מִיט זִיךְ ר' שִׁמְעוֹן, אַזוֹי ווִי עֶר הָאט אִים צוּגֶעזָאגְט אוֹיפְ'ן וֶועג קַיין קַאמִינִיץ. דֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ גֶעזֶעגְנְט מִיט זַיינֶע עֶלְטֶערְן, אוּן פוּן דָארְט אִיז עֶר צוּרִיק גֶעפָארְן צוּ זַיין הֵיים אִין שְׁטָאט מֶעדְוֶועדִיוְוקֶע.

פוּן דֶעמָאלְט אוּן וַוייטֶער, פוּן וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט אִיבֶּערְגֶענֶעכְטִיגְט אִין קַאמִינִיץ, אִיז גֶעגֶעבְּן גֶעוָוארְן עֶרְלוֹיבֶּענִישׁ פַאר אִידְן צוּ וואוֹינֶען דָארְט אִין שְׁטָאט.




[אִין דִי הִיסְטָארְיֶע בִּיכֶער וֶוערְט גֶעשְׁרִיבְּן, אַז דִי רְשׁוּת פַאר אִידְן צוּ וואוֹינֶען אִין שְׁטָאט קַאמִינִיץ אִיז גֶעגֶעבְּן גֶעוָוארְן דוּרְכְן קֵייזֶער פָּאלוּס אִין יָאר 1797 לְמִסְפָּרָם, וָואס דָאס אִיז דָאס יָאר וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט דָארְט אִיבֶּערְגֶענֶעכְטִיגְט.]

דִי נְסִיעָה פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן קַיין קַאמִינִיץ אִיז גֶעוֶוען גָאר אִינְטֶערֶעסַאנְט פַאר מֶענְטְשְׁן. יֶעדֶער הָאט גֶעהַאט עֶפֶּעס צוּ זָאגְן דֶערוֹיף, טֵייל הָאבְּן פְּרוּבִּירְט צוּ זָאגְן שֵׁיינֶע זַאכְן וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעוָואלְט דָארְט אוֹיפְטוּן, אוּן אַנְדֶערֶע הָאבְּן גָאר גֶערֶעדְט שְׁלֶעכְטְס אִיבֶּער וָואס דָארְט אִיז פָארְגֶעקוּמֶען, דֶער רֶבִּי הָאט זֵיי אָבֶּער אַלֶעמֶען אַוֶועקְגֶעמַאכְט, זָאגְנְדִיג אַז קֵיינֶער וֵוייסְט נִישְׁט זַיינֶע כַּוָּונוֹת. אֲפִילוּ דִי וָואס הָאבְּן גֶערֶעדְט גוּט אִיבֶּער דֶעם, הָאבְּן אוֹיךְ נִישְׁט צוּגֶעטְרָאפְן דֶעם רֶבִּינְ'ס אֱמֶתְ'ע כַּוָּונוֹת דֶערְבֵּיי. אוּן אֲפִילוּ דִי וָואס הָאבְּן יָא עֶפֶּעס פַארְשְׁטַאנֶען, וַוייל דֶער רֶבִּי אַלֵיין הָאט זֵיי גֶעזָאגְט עֶפֶּעס רְמָזִים, הָאבּ אָבֶּער אוֹיךְ נִישְׁט אַרוֹיסְגֶעהַאט זַיין גַאנְצֶע כַּוָּונָה מִיט דִי נְסִיעָה.

פָּארְזֶעצוּנְג קוּמְט אִם יִרְצֶה הַשֵּׁם

**גֶענוּמֶען פוּן סֵפֶר "פְּעֻלַּת הַצַּדִיק"**

# איך בין געענדיגט מיט היכל הקודש!

ישראל דוד העסקעל

ניין ס'איז נישט קיין טעות איר האט גוט געליינט דעם קעפל!

פאר א קורצע צייט צוריק ווען איך האב זוכה געווען צו מקורב ווערן צום הייליגן רבי'ן קיין היכל הקודש, געדענק איך דעמאלט הערן גאר אסאך קאמענטארן פון ידידים, משפחה און חברים, נאנטע און באקאנטע.

פאר עפעס א פארבארגענע סיבה האט עס גאר שטארק אינטערעסירט פאר די אלע אידן ביי וועלכע צדיק איך נעם חיזוק און יראת שמים.

געדענק איך דעמאלט אז איינער איז מיר געקומען מייעץ זיין מיט גאר א גוטע עצה: "הער מיר צו" זאגט ער מיר "דו גייסט יעצט דורך א פעיז (פאזע) אין לעבן און יעצט קוקט דיר אויס ווי דו האסט



געטראפן אורות אין ברסלב --- זייער גוט!" לייגט ער צו - - "אבער איך מוז דיר געבן אן עצה טובה".

טו נישט קיין ווילדע זאכן געב זיך גוט אכטונג ווייל די פעיז גייט באלד אריבערגיין און נאכדעם וועסטו וועלן צוריק קומען (וואו?) אבער אויב וועסטו באגיין נארישע שריט וועסטו שוין נישט קענען צוריק קומען! געב זיך גוט גוט אכטונג, פירט ער אויס...

אזוי איז געווען זייער אסאך וואס האבן מיר געזונגען מיט א ענליכע נוסח

"מאך נאר זיכער אז קיינער זאל נישט וויסן"

"סאיז גוט אז דו נעמסט חיזוק פון דארט אבער מאך עס נישט 'דיין פלאץ'"



"פארוואס קענסטו נישט הערן די שיעורים באהאלטענערהייט?"

"די זאכן גייען אריבער, געב דיך אכטונג"

"פארברען נישט קיין בריקן... דו גייסט נאך דארפן צוריק קומען"

"סאיז נישט קיין פלאץ ווי א 'נארמאלע מענטש' קען זיך דערהאלטן יעדער גייט צום סוף אוועק פון דארט"

"צום סוף קומט יעדער צוריק וועסטו נאך זען"

אזוי איז אריבער מיינע ערשטע פאר וואכן פון זיין מקורב צו היכל הקודש, יעדער איינער האט געהאט וואס צו זאגן און וואס צו צולייגן דער וויל 'נאר זאגן' ער זאגט קלאר אז ער מיינט אפילו גארנישט... פון יעדן האב איך זיך געדארפט צוזאמען הערן כל מיני הגהות און הערות אויף היכל הקודש.

איך געדענק דעמאלטס טראכטן, הלוואי קען איך עפענען מיין הארץ פאר די מענטשן און זיי ווייזן ווי צובראכן איך בין געווען פארן מקורב ווערן, הלוואי קען איך זיי ווייזן ווי פארלוירן איך האב זיך געשפירט פארן מקורב ווערן, הלוואי קען איך זיך עפענען זיי צו ווייזן ווי ליידיג איך האב זיך געשפירט פארן מקורב ווערן.

אזויפיל האב איך זיי יא געזאגט, ווי לעכטיג היכל הקודש איז און זיי מסביר געווען אז איך בין א לאטערי געווינער, עטץ ווייסט נישט וואס פאר אן אוצר דא איז דא, ענק קענען אויפגעראכטן ווערן, ס'הערט זיך ווי א חלום וואס איז צו גוט צו זיין אמת, ס'איז מורא'דיג!!!

נעם די האטליין נאמבער הער נאר אויס איין שיעור וועסטו שוין זען וואס איך מיין, די טעם עולם הבא די וועג פון לעבן פון קענען זיין אמת'דיג פרייליך און ערליך א וועג וואס יעדער קען גיין אויף דעם וועג, איך זאג דיר טעמו וראו כי טוב!!!!

אבער עס האט נישט געהאלפן קיין פודינו ומצילנו, די תשובה איז צוריק געקומען מיט דעם קאלטן אנטווארט: ס'נישט אזוי פשוט!

'טענה'ן טענה'ט מען נישט' זאגט דער ראש ישיבה, בין איך געבליבן שטיל און זיך ווייטער געגאנגען מיין וועג...

יעצט שטיי מיר דא... איך האב עס איינגעזען, זיי זענען אלע געווען גערעכט!

יא! איך בין מודה איך קריך אראפ פונעם בוים, איך פאק איין די בזיונות, און איך זאג עס הויך און קלאר ענק זענען אלע געווען גערעכט!

ס'איז נאר געווען א פעיז (פאזע)!!!

ס'איז אריבער דעם פעיז און דער צובראכענער איגערמאן האט געפאלגט דעם רבינ'ס זיסע עצות און ער איז אויס צובראכן! דער ליידיגער אינגערמאן שפירט שוין אנגעפילט, דער



פארלוירענער אינגערמאן האט זיך שוין געטראפן, ער איז מסודר!

ס'איז נאר א פעיז!

דער ראש ישיבה זאגט אז פאר א צובראכענער מענטש איז אסאך לייכטער צו מקורב ווערן ווייל ער שפירט שוין די וועלט ער ווייסט שוין די שקר, ער זוכט נאר עפעס א צווייגל זיך צו קענען אין דעם אנכאפן און זיך אויפלעבן פון דעם.

אבער א מסודר'דיגע מענטש וואס זאכן גייען אים כסדר איז אסאך שווערער צו קענען מקורב ווערן ווייל אזא מענטש פארענטפערט אלעס ארום אבי צו קענען בלייבן באקוועם...

געלויבט דער הייליגער באשעפער אז איך בין גוט גוט צובראכן געווען במילא איז מיר גאנץ לייכט געווען צו קענען מקורב ווערן.

יעצט געב איך זיך א שנעלע קוק אויף צוריק און איך זעה ווי ס'האט ווירקליך געארבעט! פאלגן דער ראש ישיבה ארבעט! איך האב שוין פארגעסן אז אמאל בין איך געווען צובראכן... איך בין היינט דער גליקליכסטער מענטש אויפן וועלט!

יעצט קענסטו דאך שוין צוריק גיין, ניין?

נאכאמאל דו האסט דעמאלט קלאר געזאגט אז דו ביסט געווען אזוי צובראכן און דער פלאץ געבט דיר אזוי פיל חיזוק איז יעצט אז דו ביסט אויס צובראכן וואס פעלט דיר אויס זיך צו דרייען 'דארט'?

יעצט אז דו ביסט מסודר קום צוריק יעצט קענסטו שוין 'טאקע' ווערן א' געהעריגע נארמאלע געסעטלטע באזעסענער בחנ'טער מעינסטרימע מענטש' וואס דארפסטו יעצט 'די אלע זאכן'??

אמת אמת די טענה איז ריכטיג!

אמת איך בין געווארן א געהעריגער פרייליכער באזעסענער נארמאלער מענטש אבער קומען וואו? גיין וואו?

ווער גייט מיך אויסלערנען ווי אזוי צו רעדן צו א ווייב?

ווער גייט מיר געבן א וועג צו קענען לערנען כל התורה כולה? וואס וועל איך האבן פון זיצן אין מושב זקנים ביי די זעכציג און קרעכצן אוי הלוואי וואלטן מיר געלערנט... טאקע טאקע וואס וועט זיין? און אזוי ווייטער דורכשטופן די יארן קרעכצנדיג אויף די ליידיגע פארברענטע טעג...

ווער וועט מיך אויסלערנען אז ווען עפעס דרוקט מיר קען איך לויפן גראד צום אייבערשטן און זיך אויסשמועסן מיין הארץ און זיין א געהאלפענער?

ווער וועט מיך געבן דעם שטופ צו לויפן







דאווענען דריי תפילות אין שול יעדן טאג??

ווער וועט מיר מחזק זיין ווען זאכן גייען שלא כסדר? פון וואו וועל איך דעמאלט לעבן?

ווער וועט מיר אויסלערנען ווי אזוי מחנך צו זיין מיינע קינדער אז איך זאל זיי נישט רצח'נען חלילה און זיי אויך נישט לאזן אויפוואקסן ווי ווילדע געוואקסן?

יא דו ביסט גערעכט ס'איז א פעיז און ווען די פעיז גייט אריבער אויב פאלגט מען דער ראש ישיבה ווערט מען א פרייליכע געזונטע מענטש די לעבן ווערט לעכטיג!

און יעצט?

יעצט זאל איך אוועקגיין? ווער גייט ארויס פונעם גן עדן נאכן שפירן דעם זיסן טעם? מ'דארף דאך זיין א חסר דעה פאר דעם...

דער ראש ישיבה פארציילט אז ווען

דער מנהל מו"ה אברהם משה שטראססער הי"ו איז מקורב געווארן צו מוהרא"ש זכותו יגן עלינו זענען זייער אסאך מענטשן אים געקומען אפרעדן אז היכל הקודש איז נישט קיין פלאץ ווי מ'האלט זיך... מענטשן קומען און מענטשן גייען, האט דער מנהל זיי געענטפערט קוק אהער אויב איז אמת וואס דו זאגסט לויף איך שנעל יעצט צו מוהרא"ש אריין כאפן נאך א מינוט און נאך א מינוט ביים צדיק וואו לאנג איך בין נאך יא דא!

שכח אייבערשטער אז מיר האבן זוכה געווען צו קענען זיין פון די וואס זיצן אין גן עדן לעבן א חיים טובים מיט דעם רבינ'ס עצות און זיך קענען גוט אויסלאכן פון דער וועלט, פעיז אהין פעיז אהער, יא געהאלטן נישט געהאלטן... וואס האב איך

אין די האנט??...

"הייליגער באשעפער העלף איך זאל אייביג בלייבן ביים צדיק אין היכל הקודש, און פאלגן די עצות וואס איך באקום דא. העלף מיר איך זאל יעדן טאג רעדן צו דיר, איך זאל יעדן טאג לערנען די הייליגע תורה. העלף מיר איך זאל נישט נתפעל ווערן פון מענטשן וואס מאכן חוזק פון דעם הייליגן פלאץ".

און אז מיר האבן זוכה געווען צו שפירן דעם זיסן טעם החיים דארפן מיר דאך זיכער זען אז אונזערע ידידים און קרובים וואס זענען אזוי פארזארגט פאר אונז זאלן אויך זוכה זיין צו קענען שפירן דעם זיסן טעם!



מ. פורסט

די הויז איז אנגעלייגט,
פון יעדער סארט קליינקייט.

די געשיר נאך וואשן,
די שפילצייגן אוועקפאקן.

די וועש צואמלייגן, מיט וואס טוט מען אנפאנגען?
עס איז דא צופיל זאכן, עס איז שווער זיך צואמנעמען.

מען גיבט זיך איבער פארן באשעפער,
וועט אלעס פארן בעסער.

די בעיבי האט אויסגעגאסן,
די קליינער איז אין דעם אריינגעקראכן.

אלע מישן דאס מיט ביידע הענט,
אויף די ערד אויף די ווענט.

די טאפ טוט זיך איבערגיסן,
די קינדער ווילן שמועסן.

די האר וויל איינער מען זאל קעמען,
וואס זאל איך ערשט נעמען?

באשעפער צו דיר געב איך זיך איבער,
אזוי וועט זיכער גיין גרינגער.

די בעיבי איז ענדליך איינגעשלאפן,
קומט א צווייטער און טוט איר שלאגן.

איך בין אזוי אנגעשטרענגט,
אפשר מעג איך יעצט זיין אויפגערעגט?

ניין ניין! צום באשעפער וועל איך מיך איבערגעבן,
אזוי וועל איך האב א שיינעם לעבן.

באשעפער העלף איך זאל זיך נישט אויפרעגן,
נאר צו דיר פרייליך זינגען.

## פאר די ברסלב'ע שטוב

מ. פאפנהיים

# דארף איך גיין צו טערעפּי?

רויזי שרייט מיר פון טעלעפאון "וואס איז געשען???"

פרעג בעסער נישט!!! פריער האב איך אוועקגעשטעלט יערן א טייג, און יעצט זע איך אז שלמה'לע האט נישט מער און נישט ווייניגער אריינגעגאסן דארט זייף... עסיג... אויך די פלאש פון אויל איז ליידיג... וואס טו איך דא???

רויזי פארשטייט נישט "ווי אזוי איז ער אנגעקומען צו דעם?"

"א קשיא אויף א מעשה... אויף א קליין קינד פרעגט מען נישט אזעלכע שאלות..."

***

היום יום חמישי בשבת...

אין הויז איז שטיל און רוהיג, די קינדער זענען ברוך השם ארויס באצייטנ'ס צו די מוסדות לערנען די הייליגע תורה, און איך וויל יעצט פראבירן אריינכאפן די גאנצע וועלט.

די ערשטע זאך וועל איך אוועקשטעלן יערן א טייג פאר חלות. מיט מיין קליינער העלפער אין זייט לייג איך מעל, צוקער, הייוון, וואסער, זאלץ און אויל, און מיר בעטן צוזאמען: "הייליגער באשעפער העלף עס



זאל ארויסקומען שיינע גוטע חלות, לכבוד שבת!" דער קליינער שלמה'לע קוקט זיך צו מיט אויפגעריסענע אויגעלעך ווי די מיקסער דרייט זיך, איך שטיי דערנעבן און איך האב הנאה אים צו זען אזוי פארגאפט, דער טייג זעט שוין אויס זייער פיין און איך ווייז אים צו, ש... ש... ש... די טייג גייט יעצט שלאפן נאכדעם וועט מאמי מאכן געשמאקע חלות, ביזע ס'גייט אויפשטיין לאמיר אנשטעלן א מאשין וועש.

מיין העלפער לויפט פאראויס, צוזאמען קלייבן מיר אויס רבקי'ס, חני'ס, און שרי'ס קליידעלעך, אויך מושי'ס און יענקי'ס, און שלמה'לעס בלוזקעלעך. שלמה'לע שיינט אויף ווען ער דערקענט זיינע פיזאמעס און שטופט עס אריין אין וואש מאשין מיט זיינע פוכיגע הענטעלעך, ענדליך זע איך שוין דעם וואש מאשין זיך דרייען. א בליק אויפן זייגער דערציילט מיר אז עס איז נאך דא אביסל צייט ביז די טייג וועט ענדיגן אויפגיין. ברענג איך ארויס אפאר קארעלעך, שלמה'לע לויפט צו צו דעם, און איך זעץ זיך אראפ כאפן אביסל דעם אטעם.

דער טעלעפאון צוקלינגט זיך נעבן מיר. מיין קוזינע רויזי איז אויפן אנדערן זייט טרייבל מיטן פולסטן ענערגיע. נאכן אריבערפירן אפאר מינוט מיטן "וואס הערט זיך? וואס זיך?" דארף זי זייער וויכטיג יענע רעסעפי וואס דו האסט מיר געזאגט ביי מומע חני'ס טאכטער'ס חתונה.

מסתמא מיינסטו פון די פאנקייק אין טוסט? פראביר איך צו כאפן. זי ווייסט נישט פונקטליך, "די מוזיק האט געבאמבעט און איך האב דיר נישט געהערט אזוי קלאר. "איך געדענק אז מיר האבן גערעדט פון בלינצע'ס און פאנקייק, וועל איך דיר דאס געבן". זי הערט זיך צופרידן און איך גיי אריין אין קאך...

"אוי וויי! וואס גייט דא פאר?!?!"

שלמה'לע שמייכלט זיך זיס, און רויזי שרייט מיר פון טעלעפאון "וואס איז געשען???"

פרעג בעסער נישט!!! פריער האב איך אוועקגעשטעלט יערן א טייג, און יעצט זע איך אז שלמה'לע האט נישט מער און נישט ווייניגער אריינגעגאסן דארט זייף... עסיג... אויך די פלאש פון אויל איז ליידיג... וואס טו איך דא???

רויזי פארשטייט נישט "ווי אזוי איז ער אנגעקומען צו דעם?"

"א קשיא אויף א מעשה... אויף א קליין קינד פרעגט מען נישט אזעלכע שאלות..."

הער זיך צו — פלוצלונג ווערט זי ערנסט — איך ווייס פון איינע וואס קען דיר העלפן, מיין שוועגערין גייט שוין צו איר דריי יאר, און זי איז ממש א אנדערע מענטש. איך האב יעצט אנגעהויבן גיין צו איר, איך זע נאכנישט קיין שינוים, עס גדויערט אביסל, אבער דאס מיינט אז זי ארבעט זייער גרונטליך.....

וואס? ווער?... איך כאפ נישט וואס זי וויל פון מיר.

"וואס הייסט, א טערעפיסט..." גייט זי צו צום פונקט.

איך פיל א שוואכקייט אין אלע ביינער... "צו וואס דארף איך טערעפי?"

רויזי לאכט זיך אונטער. "וואס איז די שאלה בכלל, דו געבסט זיך נישט א עצה מיט דיין שלמה'לע, זיכער דארפסטו הילף".

"אויב שוין טערעפי זעט מיר אויס אז מיין שלמה'לע דארף הילף נישט איך..." פראביר איך זיך צו ווערטלען...

"ניין, אויב א קינד האט פראבלעמען ביז די זעקס יאר דארף מען קודם באהאנדלען די מאמע, נאכדעם קען מען העלפן דעם קינד. די מאמע איז די שורש פון אסאך פראבלעמען, און איך זאג דיר, כאפ עס באצייטנ'ס ווייל נאכדעם קען שוין זיין צו שפעט. דא האסטו די נומער. דו שרייבסט אראפ?"

איך דריק אריין די נומערן אין טעלעפאון ווי א גוטע מאמע'לע. "ש'כח רויזי, זייער שיין אז דו טראכסט פון מיר".

"זיי געזונט, אסאך אסאך הצלחה!"

איך לייג אראפ, ענדליך פטור געווארן פון די אנשיקעניש, אבער תכלית... וואס טו איך דא מיטן טייג? קיין חלות גייט נישט ווערן היינט. שלמה'לע האט אנגעיאגט צו ווערן נאס פון אלעס צוזאמען, לאמיר אים טוישן וועש... און נאכדעם שלאפט ער זיס איין, זעט אויס אז צו אויספראבירן נייע רעצעפטן מוטשעט גוט אויס...

איך בין גוט נייגעריג וועגן יענע נארישע טערעפיסט... איך וועל נאר אנרופן דעם נומער און זיכער וועט אויפהייבן א קאמפיוטעריזירטע פראגראם. יא, עס הערט זיך אנגענעמע מוזיק. איך ווארט צו הערן א פלאסטיק שטימע וואס מעלדעט אז מען איז אנגעקומען צו די וועלט'ס ספעציעלע בארימטע... ווייס איך וואס. אבער



ניין א מענטשליכע שטימע באגריסט מיר. "א גוטן דא רעדט רבקי איז זענט אנגעקומען צו מנוחה ושמחה - א פראגראם מיט א טעם. מיט וואס קען איך אייך העלפן?"

וויי איז מיר! וואס זאג איך דא? איך

**פרעג בעסער נישט!!! פריער האב איך אוועקגעשטעלט יערן א טייג, און יעצט זע איך אז שלמה'לע האט נישט מער און נישט ווייניגער אריינגעגאסן דארט זייף... עסיג... אויך די פלאש פון אויל איז ליידיג...**

הייב אן עפעס ארויסצומעקען. "עם... איך... עם... איך וויל וויסן..."

"איז אזוי - רבקי נעמט מיר איבער מיט איר געשליפן צינגל — די פראגראם גייט אזוי: מרת העלפער נעמט קודם א סעסיע ארויפצוקומען אויפן פראבלעם, לויט דעם שטעלט זי אויס א וועג אויף וואס מען דארף ארבעטן, און ביז א יאר ווערט מען א אנדערע מענטש. — אינטרעסאנט רויזי'ס שוועגערן גייט שוין צו איר דריי יאר טראכט איך צו מיר — די געטרייע סעקראטערן ליינט אבער נישט קיין מחשבות און זי איז ממשיך, די קומענדיגע מאנטאג דריי אזייגער נאכמיטאג איז ליידיג, מיר קוקט עס אויס אז דו דארפסט עס זייער וויכטיג. אפגעשמועסט, יא? פאר דיר מאך איך עס פריער. ווי אזוי באצאלסטו קעש אדער קרעדיט? אויב מען קענסלט א אפוינטמענט קאסט עס צוויי הונדערט דאלער און אויב מען גייט ארויף אויף א פראגראם איז יעצט דא א ספעציעלע הנחה פון צען פראצענט. וואס איז דיינע פרטים? דיין קרעדיט נומער?

ביז דא האב איך געהערט, איך האב געגעבן א לייג אראפ... "הייליגער באשעפער!!! וואס האב איך דא געטון? וואו איז געוועזן מיין שכל???" אוי ווי זי רופט צוריק, באלד גייט זי נאך זאגן אז איך דארף איר צאלן די געלט...

"יא, דא רעדט רבקי, זעט אויס אז די ליין האט זיך אפגעהאקט, וואס איז אייערע פרטים? נאמען?"...

"אנטשולדיגט, אבער איך בין נישט פאראינטרעסירט, זייט'ס מצליח". ענטפער איך מיט די גאנצע זיכערקייט, און איך לייג אראפ.

"הייליגער באשעפער! עכט דארף איך יא א אפוינטמענט. אבער שוין יעצט, איך קען נישט ווארטן ביז די נעקסטע מאנטאג... טאטע זיסער! איך וויל רעדן צו דיר! אזויפיל מאל במשך דעם טאג פראביר איך צו רעדן צו דיר, בשעת'ן רוימען, צאמלייגן וועש... איך הייב אן, איך זאג טאטע... איך דארף... איך וויל... איך טראכט... און עס גייט עפעס נישט, מיין קאפ פליט צו די נעכטיגע חתונה מארגנ'דיגע נאכטמאל און שוין... איך בלייב מיט א איבערגעדרייטע מח, אן איבערגעפילטע הארץ... טאטע, איך וויל פשוט, פשוט רעדן צו דיר, זיך אויסגיסן וואס עס ליגט אויפן הארץ, וואס וועט זיין דא מיט מיר???"

"מא — מי... מא — מי..." איין מינוט... ווער רופט מיר דא? די קינדער קומען שוין אהיים??? ניין, די קול איז פון אינעווייניג אין הויז, איך לויף שנעל אריין. שלמה'לע ליגט זיך אין בעטל און זאגט זיך מא — מי, מא — מי.

"שלמה'לע!!!" איך קוש אים צאם, "דו קענסט שוין זאגן מא — מי!?!?!? " ער שמייכלט זיך זיס... יא, די זעלבע שמייכעלע ווי נאכן גיסן, איבערקערן און צוברעכן... און זאגט נאכאמאל "מאמי! מאמי!"

שכח הייליגער באשעפער, אז מיין קינד וואקסט און קוועלט ווי א געזונטער לעבעדיגער אינגעלע. קוק ווי איך פריי זיך מיט אפאר אפגעהאקטע ווערטער, אין די צייט וואס איך האב אויך גרעסערע קינדער וואס קענען נישט פארמאכן דאס מויל... הייליגער באשעפער! איך ווייס אז אויך דו פרייסט זיך מיט יעדע קליינע זאך וואס מיר טוען, העלף מיר איך זאל עס אייביג געדענקען... און זיך נאך דיר שטענדיג בענקען...



# מעשיות פון תפילה



**ח. יעקאבאוויטש**
**קרית ברסלב**

איך האב געהאט א פיינע קעמערע פאר פיר יאר, במשך די יארן האט זיך צאמגעזאמעלט אסאך בילדער אין דעם פון די משפחה. נאך פיר יאר האבן די קעמערע האט זיך עס איין שיינעם טאג פארלוירן צוזאמען מיט די SD קארטל אינעוויינינג מיט גאר אסאך בילדער פון מיינע קינדער אינעווייניג.
איך האב אסאך געבעטן דעם אייבערשטן אז איך זאל טרעפן די קעמערע מיט די קארטל צוזאמען, שכח אייבערשטער אז נאך א האלבע יאר פון אסאך תפילות און נישט אויפגעבן האב איך עס געטראפן.

**ר. רובינשטיין**
**קרית יואל**

שכח אייבערשטער איך האב זוכה געווען צו א געזונטע לעכטיגע אינגל בעיבי, איך בין פאר דעם געווען באזארגט אויב אלעס וועט זיין כשורה פון זאכן וואס איך האב געוויסט אז דאס קען זיין שווער. איך האב געבעטן דעם אייבערשטן אז אלעס זאל זיין גוט אן קיין שום שטרויכלונגען, איך האב געזאגט די אידישע תפילה וואס דער ראש ישיבה שרייבט, און אויך געזאגט שמות הצדיקים.
שכח אייבערשטער אז אלעס איז אדורך גוט, און דאס קינד איז געזונט און שטארק.
אויך האב איך געבעטן דעם אייבערשטן אז איך זאל האבן גוטע עסן די פֶּאר וואכן וואס איך רוה מיך אפ, און שכח אייבערשטער אז גוטע שלוחים האבן מיר אינזין געהאט מיט נארהאפטיגע עסן.

**תלמידה בית פיגא**
**ארץ ישראל**

איך בין געקומען קיין אמעריקע צו א שמחה מיט נאך מיידלעך פון מיין משפחה. צוזאמען זענען מיר געווען זעקס מענטשן. ביים צוריק פארן קיין ארץ ישראל האבן מיר געהאט דריי רענצלעך מער ווייל מען האט איינגעקויפט אסאך זאכן אין אמעריקע.

איך האב געבעטן דעם אייבערשטן אז זיי זאלן נישט בעטן עקסטער געלט פאר די דריי רענצלעך. מיר שטיין דארט ביים ארייגעבן די רענצלעך זי קוקט איבער אלע פאספארטן און מען גיבט אריין אלע רענצלעך און אלעס פארט פיין, ביים סוף גיבט זי זיך א רוף אן: איין מינוט איך האב נישט גערעכנט קיין געלט פאר די דריי רענצלעך, מיר שטייען אזוי שטיל צו זען וואס דא גייט וו ייטער פאסירן, אבער נאך אפאר סקונדעס רופט זי זיך אן: ס'איז גוט איר קענט גיין.
שכח אייבערשטער





845-379-1161
136 Huschke Rd Hurleyville NY 12747
Breslevofficeliberty@gmail.com

# מעשה פון תפלה
# פאר קינדער

פערל לעזער תחי' - קרית ברסלב פארציילט:










שמחה עליזה מזרחי תחי' - קרית ברסלב פארציילט:









# קרית ברסלב בלעטל

# קינדער אפטיילונג

## פרשת ויצא

## ברסלב'ס חידות

**דער הייליגער רבי האט אמאל געזאגט:**
**איך בין א טייך וואס רייניגט פון אלע**

א. עבירות
ב. שמוץ
ג. שמוציגע פלעקן
ד. צרות

### שאלה און ענטפער פון פאריגע וואך

דער הייליגער רבי האט אמאל געזאגט: איך בין א וואונדער
**און מיין נשמה איז א גרויסע וואונדער!**

### געווינער פון פאריגע וואך

**ישראל יוסף אינדיג נ"י - קרית ברסלב**
שיקט אריין די ענטפערס מיט אייער נאמען צו 845-379-1161

## טרעף די ווערטער

| | | | | | | | | | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| ב | ל | מ | ס | צ | ד | ב | ל | ת | נ | א | א | ר | י | ל |
| א | מ | א | ל | ע | נ | י | ת | ט | ה | נ | ע | ר | ג | א |
| ק | ו | י | מ | ע | נ | א | ע | ג | ק | ב | ה | ע | ב | ל |
| ו | ע | י | מ | א | ב | ב | א | ה | א | מ | ב | ת | ס | ס |
| מ | ש | ב | ז | ז | ל | נ | כ | ו | מ | ע | נ | ח | ת | מ |
| ט | ש | ע | ע | ע | ע | א | י | י | נ | נ | ה | ה | ו | נ |
| ד | א | ר | פ | ט | נ | ד | ב | ת | ט | מ | ל | נ | ע | ש |
| כ | ת | ש | ו | ל | ע | צ | ע | א | י | ג | ס | מ | ד | ל |
| ס | ש | ט | ד | ו | א | ב | א | י | י | ב | ב | ת | ג | ב |
| ת | ב | נ | צ | ז | א | כ | ל | ד | ה | נ | ע | ס | ע | ע |
| ז | ד | ת | ק | ד | ס | ס | א | ט | א | נ | ט | ש | צ | ט |
| ח | ת | י | א | ו | ל | ו | ד | כ | ד | ר | נ | צ | כ | ק |
| ק | ג | ר | פ | ס | ט | ו | ו | ע | ד | ע | פ | ח | ר | כ |
| ע | ד | ר | י | מ | ט | א | ל | א | מ | א | ל | ס | ג | ע |
| ה | ו | ב | ו | ס | מ | נ | ס | י | ר | ע | צ | צ | ט | ט |
| ד | א | ק | ל | י | ו | נ | ס | צ | י | ט | נ | ו | מ | ר |
| ה | א | א | י | נ | ס | י | ט | ב | א | ו | נ | ו | ת | ע |
| ב | ז | ב | ר | צ | נ | ע | ו | פ | ע | ט | ק | י | י | ס |
| א | י | י | ב | ע | ר | ש | ט | נ | ל | א | נ | י | ס | ה |
| ק | ק | א | מ | ר | ח | ז | נ | ח | ב | פ | נ | ס | פ | מ |

יעדע זאך וואס דו דארפסט אין לעבן זאלסטו בעטן דעם **אייבערשטן, וואס מען בעט דעם אייבערשטן באקומט מען;** אמאל באקומט מען דאס נאך איין מאל בעטן, אמאל נאך צוויי מאל און אמאל דארף מען אביסלווארטן, **אבער ביים סוף זעט מען גרויסע ניסים,** מען באקומט וואס מען בעט.

(עבדת אמונה פרשת ויצא תש"פ)

## טרעף די וועג

טרעף די וועג צו די הייליגע תפילין!





## שיחות פון רבי'ן פארהער

וועלכע שיחה פון רבי'ן דערמאנט דיך די בילד??




ענטפער פון פאריגע וואך

דער הייליגער רבי האט געזאגט: דער אייבערשטער האט ליב א געפרעגלטע איד!

## א שטיקעלע ספר המדות

# ממון

**לא. מְאִיסוּתָא דְבֵיתָא מֵבִיא לִידֵי עֲנִיּוּת.**

**אז עס איז דא אין שטוב שמוץ ברענגט דאס ארעמקייט.**

דער רבי האט געזאגט אויפן ספר המדות:
"דער ספר האט מיך געמאכט פאר א איד!"

## טרעף די חילוקים

### טרעף 10 חילוקים צווישן די צוויי בילדער





כאפ א שפאציר אונטער דיין הויז צווישן די ביימער
און שמועס זיך אויס מיטן אייבערשטן!

## עצתו אמונה פרשת תולדות תשפ"ד

### פון רעכטס צו לינקס

3.עס טוט מיר זייער וויי אז מען פירט זיך נישט מיט ____ ____

7.יעדן טאג א _____ _____ וועט דיך געבן גרויס שפע

9.דו טו וואס איז גוט פאר _____

10.זאלסט זיך פארלייגן אויף איין זאך, אויף _____

11._____ איז די בעסטע היילונג

12.קוקט אויפן חלק _____ וואס איז יא פול

### פון אויבן אראפ

1.איין _____ איז דא, בעטן דעם אייבערשטן

2.האלט זיך פריש און צאמגענומען, און גיי ארום מיט א _____

4.געבט זיך אכטונג פון הערן און רעדן _____ _____

5.אז מען גייט מיט _____ פארטרייבט מען דעם אייבערשטן

8.נאר אז מען דאווענט אין _____ האלטן זיך די קינדער ביי אידישקייט

9.זאלסט זיך פארלייגן אויף איין זאך, אויף _____

11.זאג מיט די קינדער יעדן טאג די דרייצן ____ _____



"מאך זיך א שיעור אין "ספר עצתו אמונה" וועסטו וויסן ווי אזוי זיך צו פירן אין לעבן" (עצתו אמונה פרשת נצבים תשע"ט)

# קינדער טאלאנט



פייגי לאנדא תחי׳ - קרית ברסלב



משפחת טייטלבוים - קרית ברסלב



רבקה יאקאבאוויטש תחי׳ - קרית ברסלב



חדר קרית יואל - געשריבן "ברסלב" מיט בלעטלעך



משפחת בלום - קרית ברסלב



משפחת וועבערמאן נ״י - קרית ברסלב



חיים צבי און אליעזר שלמה סאפיר בארא פארק - די חלום פון יעקב אבינו (מערקט די נעגל וואסער)

# קינדער טאלאנט



משפחת שטיינבערג - קרית ברסלב



משפחת וועבערמאן - קרית ברסלב



יושע היימליך נ"י - קרית ברסלב



שמואל בירנבוים נ"י - קרית ברסלב



בית פיגא - ירושלים



שרה גיטל און גאלדי שניצלער - קרית ברסלב



תלמוד תורה היכל הקודש ירושלים - די חלום פון יעקב אבינו

# בילדער
## אפטיילונג






תלמוד תורה היכל הקודש קרית יואל ביי אן אויספלוג אין פארק - דאנערשטאג תולדות תשפ"ד



דף גמרא שיעור אין היכל הקודש ירושלים -קרית ברסלב





פרייליכע ריקודין אין ישיבה קרית ברסלב נאכן דאווענען מעריב - ג' תולדות



קרעדיט: שלמה זאלדאן



קרעדיט: שלמה זאלדאן

ברית פון הילד אליעזר שלמה נ"י בן מו"ה יעקב אריה רובין הי"ו - ערב שבת תולדות אין היכל הקודש בני ברק





**מסיבת בן גמלא אין מאנסי - תולדות תשפ"ד**











קרעדיט: משה אייןהארן

**דער ראש ישיבה איז זיך משתתף ביים חתונה פון בן הרב יששכר מנחם מענדל היילפרין שליט"א - ה' תולדות**



קרעדיט: שמעון עוזר פערל

**ישיבה היכל הקודש ירושלים ביים מסיים זיין תהילים ביים ציון הקדוש פון מוהרא"ש - ערב חודש כסליו**



קרעדיט: יוסי פּרערויא



קרעדיט: דוד דייטש

**ליל ששי פרשת תולדות אין היכל הקודש בארא פארק**





אבות ובנים אין היכל הקודש בארא פארק










אבות ובנים אין היכל הקודש קרית יואל פרימישלאן




חתונה פון אייניקל ביים קארלסבורגער רב שליט"א -
תולדות תשפ"ד